STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03906

TSVEY VELTN

Max Simon Nordau

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Nordau, M. S.
Tsvey velten (Two worlds)

מאַקס נאָרדאַו.

צוויי וועלטן.

(דאָקטאָר קאָן)

אַ דראַמע אין 4 אַקטן.

איבערזעצט פון מ. עלקין.

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין.

... in POLAND

דרוקעריי „ווילנער פארלאג“ קליין סטעפן גאס 23.

N75
Utley Branch C. 2

פּערזאָנען:

יולי = כריסטיאן מאָזער — געהיים=ראַט, קאַפּיטאַן אין רעזערוו.

עמא מאָזער — געבוירענע פאָן=קווינקע, זיין פרוי.

קארל — גווארדיע=לייטענאַנט. }
ערנסט — א סטודענט. } זייערע קינדער.
כריסטינא. }

לעברעכט פאָן=קווינקע — סופּעראינטענדאַנט, ברודער פון עמא מאָזער.

מאריא — זיין טאכטער.

לעאָ קאָן, דאקטאר מאטעמאטיק, פּריוואַט=דאצענט.

אנשל קאָן }
חנה קאָן } זיינע עלטערן.

פּראָפעסאָר קילגאָלט—רעקטאר פון אוניווערסיטעט.

פּראָפ. ציטעל.

פּראָפ. האווערמאן.

בינץ — פּאַרזיצער פון קאָרפּאָראַציע „פּראַגקא=טיורינגיען"

קלייפעלד }
פאָן=ריגעל } סטודענטן.

ווילהעלם — מאזער'ס דינער.

דינער און געסט ביי קילגאָלטן. מאָזער'ס דינער.

די האנדלונג קומט פאָר אין א קליינע אוניווערסיטעט=שטאָט פון מיטל דייטשלאַנד, אין אונזערע צייטן.

PUBLIC LIBRARY
DETROIT MICH.

ערשטער אַקט.

א גרויסער סאלאָן, העל און עלעגאנט באלויכטן. אין הינטערגרונט—אַן ארקע, פון וועלכער עס זעט זיך אַ טאנץ-זאל. פון צייט צו צייט זעהען זיך דורכן טיר טאנצנדע פּאָרלאַך. רעכטס — א קאמין, שיין באפוצט. אויף די ווענט — בראַ. אָן אַ זייט אַ פרויען-פיגור אויף א פּיעדעסטאַל, נעבן איר א פּאָטעל. לינקס — צוויי פּענסטער, ארום זיי — טישלאַך און קלייניקייטן, שטולן. צווישן סאלאָן און אַרקע — טישן מיט אַלערליי מאכלים און משקאות. ביי די טישן—צוויי דינער. ארום די טישן שטייען עטלאכע געסט, דאָס רוב עלטערע מענטשן, און מאכן א כוס. אייניגע — נעבן פּענסטער, געהן קאַמין און אייניגע שפּאצירן אום.

1-טער אויפטריט

פאָן-ריגעל: (בלאָנד, פּאַרקאַמט מיט אַ גלייכן שרומפּ. אייפן פּנים שלאַכט-צייכנס. אַ מאָנאָקל. ער גייט מיט בינצן פון בופעט) איר האָט זיך ניט שלעכט איינגעאָרדנט... איך טרינק פאַר דיין געזונט. (טרינקט).

בינץ: פאַר דיין געזונט. (טרינקט).

ריגעל: ווי די פעאָדאַלן, צום טייוול! פּאַשטעט פון גענזן-לעבער, פּריישע אָמאַרן, טייכן וויין און דערצו נאָך פראַנצויזישע — אַ פּאַטענטירט הויז, כלעבן! און אָפט עפּנט ער עס אַזוי אויף זיינע פּאַטערליכע אָרעמס?...

בינץ: אַלע חודש, איסער אוניווערסיטעט יום-טובים, שטאָט יום-טובים, לאַנד שמחות וכדומה... אַ קלאַסישער מכנים אורח.

ריגעל: באַטראַכטנדיג דאָס קרעמל מיטן ביסל כבוד — איז ער, ווייזט אויס, ניט קיין אָרימאַן.

בינץ: ער איז זייער אַ סאָלידער מיליאָנער.

ריגעל: צום טייוול! איפּמערקזאַם און מיט אַ רעכענונג אויסגעקליבענע עלטערן...

בינץ: אַ טעות, — ער איז אַ זון פון אַ אָרימן פּאַסטאָר.

ריגעל: טאָ פֿון וואַנען קומט עס? די געשיכטע פֿון קונסט גיט עס, אַפּנים, אַזעלכע גרויסע רחים?

בינץ: אָ, געוויס, אויב מען וויס נאָר ווי אַזוי זיך מיט איר צו באַנוצן. פּראָפֿעסאָר קילגאָלט האָט מיט זײַנע לעקציעס וועגן כריסטיאַנישע קונסט באַצויבערט אַ טײַוואָלאָניש רײַכע יידינע, וועלכע האָט געוואָלט פֿאַרפֿאָלקאָמען איר בילדונג אויף אַ Privatissima אופֿן, און האָט פֿאַר אים חתונה געהאַט.

ריגעל: אַך, אַזאַ מעשה!...

בינץ: זי איז געווען אַזוי איידל און העפֿליך, אַז אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט זי אים נעביך געלאָזן אַ ביטערן אַלמן מיט איר גאַנצן פֿאַרמעגן... אָט איז איר ביוסט-בילד, קוק און פֿריי זיך...

ריגעל: (קוקט אין מאָנאָקל) פֿײַן! טרינק איך, הייסט עס, יידיש ווײַן?

בינץ: איז דען דער ווײַן צוליב דעם ערגער?

ריגעל: אָ, אָ... אָבער דאָך...

בינץ: ווייס איך וואָס! אַ עכטער דײַטש פֿאַרלײַדט ניט קיין יידיש מיידל, אָבער איר נדן נעמט ער מיט פֿאַרגעניגן.

ריגעל: זייער ריכטיג; דאָס איז אָבער זייער אַ קליינע באַפֿרידיגונג... בכלל איז חתונה האָבן אַ צו שווערע באַדינגונג...

בינץ: און אַ ווײַב נעמען אַלס אַ משכון! יאָ, דאָס וואָלט געפּאַסט פֿאַר דיר, מײַן יינגעלע...

2-ער אויפֿטריט

(קלייפֿעלד און ערנסט מאָזער קומען אַרײַן).

קלייפֿעלד: ריגעל, דו טאַנצסט נאָר ניט? דיר געפֿעלן דען נישט אונזערע אַקאַדעמישע פֿרויען?

ריגעל: אַדרבה, זעלטענע ווײַבעלאַך!... נאָר דערפֿון איז גאָרנישט געדרונגען. בלײַבנדיג אין אײַער קאָרפּאָראַציע נאָר אַ קורצע צײַט, וועל איך פּשוט ניט באַווייזן צו געניסן פֿון דעם, וואָס איך וועל פֿלאַנצן אין דער צײַט פֿון טאַנץ... דעריבער האַלט איך בעסער פֿון אַ שמועס מיטן בופֿעט... איך בין אַ פּאָזיטיוויסט. (ער גייט צום בופֿעט, גיסט אָן זײַן גלעזל) פֿאַר אײַער געזונט! (טרינקט, גיסט אָן נאָך אַ גלעזל און גייט צו בינצן) איצט פֿאַרשטיי איך אַ סך זאַכן, וועלכע איך האָב פֿריער ניט פֿאַרשטאַנען. הײַנט האָבן זיך אַהער אויפֿגעקומען, ווי עס ווײַזט

אוים, די גאנצע עשרת השבטים פון זבולן און נפתלי ביז לוי און יששכר אפילו.

בינץ: נו, נו — דאס האסטו א ביסל איבערגעבאפט די מאס. אויף אויסצוזכן דא יידישקייט דארף מען האבן א בעזונדערן חוש הריח...

ריגעל: פון דעם איז קיין מניעה ניט. איך נעמען ארויס די פארשידענע צווישן וועלכן המון דו ווילסט. ביי דעם בחורל, מיט וועלכן דו האסט נאר וואס גערעדט, איז אויך א יידיש פנימל.

בינץ: לאז אפ, ריגעל. דאס איז דער מאטעמאטיקער, דאקטאר קאן.

ריגעל: אט, זעסטו!

בינץ: ער איז א פריוואט-דאצענט, איינער פון די אנגעזעהענסטע טאלענטן אין אונזער אוניווערסיטעט און א ליבלינג פון רעקטאר.

ערנסט: אמת. קילגאלט האט פון אים גרוים התפעלות.

קלייפעלד: און דאך וועט דאס אויך ניט העלפן דעם קאריערסט. קיין פראפעסאר וועט ער ניט זיין, אלענפאלס אין אונזער אוניווערסיטעט.

3-ער אויפטריט

(מאזער, ציטעל און האווערמאן קומען פון טאנץ-זאל, גייען צום קאמין).

ריגעל: (קוקט אויף מאזערן) און דער גראב-ביינער ייד, וועלכער קריכט אהער? (בינץ ציט אים פארן האנט) נו, נו...

בינץ: דא, מיין זון, האסטו א טעות, — דאס איז אונזער פיזיק, פראפעסאר האווערמאן, א ריינער ארייער, 96-טע פראבע.

ריגעל: ניט אים מיין איך.

בינץ: אך, דער אנדערער, —דאס איז פראפעסאר ציטעל, אונזער כירורג. אמת, טאקי, פון ווייטן זעט ער אוים ווי א ייד, נאר ס׳איז א טעות, ער איז ניט קיין ייד. (ער ווינקט ריגעלן ער זאל גיין מיט אים צום בופעט. די גייען, מאכן דארט א שנאפס און גייען אפ אן א זייט).

ריגעל: פארוואס האסטו מיך צוויי מאל איבערגעשלאגן?

בינץ: דער, וועגן וועלכן דו האסט געפרעגט, איז ערנסט מאזערקווינקעס פאטער.

ריגעל: (ערשטוינט) אזוי גאר! (קוקט אין מאנאקל אויף ערנסטן, וועלכער איז צוגעגאנגען מיט קלייפעלדן צום בופעט). שטאמט ער

פֿון יידישער גזע! און איך האָב דאָס מיט אים בהודערשאַפֿט געטרונקען!... אייגנטלעך איז עס גאָרניט שווער געווען צו דערקענען. אין דעם יונג שטעקט עפּעס אַזוינס הנפֿהדיגס; הכנעה־דיג־זיסע מאַניערן, וועלכע זיינען מיר באַלד פֿאַרדעכטיגט געוואָרן... נאָר ס'איז מיר לחלוטין ניט איינגעפֿאַלן, אַז אין פֿראַנקאָ־טיורינגיען זאָל זיך שוין אויך האָבן אַריינגעריסן דער שינער עולם.

בינך: (גאַנץ ערנסט) ריגעל, הגם דו ביסט אונזער גאַסט, נאָר איך מוז דיר זאָגן, אַז דו האָסט אַ מעות: ערנסט מאָזער־קווינקע איז זייער אַ וואוילער און באַשיידענער יונג, און ניט קוקנדיג אויף זיין שוואַכן געזונט, — קען ער איבערגעצייכנט מאַכן אַ שנאַפּס. אויסער דעם איז זיין מוטער אַ געבוירענע פֿאָן־קווינקע און שטאַמט פֿון אַלטן פֿראַנצויזישן יחוס; זיין פֿעטער איז — סופּעראינטענדאַנט...

ריגעל: נאָך ערגער, ווייל דער פֿאָטער...

בינך: דער אַלטער? — אַ קאַפּיטאַן אין רעזערוו, קאַוואַליר פֿון אייזערנעם קרייץ; געהיים־ראַט. בעת עס האָט זיך געבויט אונזער דאָרעטייען־קירכע, האָט ער אַריינגעטראָגן אַ גרעסערע נדבה פֿאַר אַלעמען.

ריגעל: אָ, מיט דאָס פֿאַרפֿלוכטע געלד פֿאַרסמט מען שטענדיג אונזער בלוט! שוין דאָס אַליין, וואָס אַ ייד קען באַקומען אַן אייזערנעם קרייץ — איז אויך געווען שלעכט. אין דער קומענדיגער מלחמה, האָף איך, וועט שוין אַזוינס ניט פֿאָרקומען. אַ שיינע זאַך — אין פֿראַנקאָ־טיורינגיען אַ האַלב־ייד! ניין, בינך, ביי אונז איז עס אַנדערש. ביי אונז קען אַ דייטש גיין גאַנץ רוהיג, ניט מורא האָבנדיג, אַז ער וועט זיך אָנשטויסן אויף אַ סעמיט. שוין נישט ריידענדיג וועגן דעם בכלל, איז דען ווייניג דאָס אַליין, וואָס מען מוז שטענדיג זיין פֿאָרזיכטיג?...

בינך: נו, דערפֿאַר איז ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך. מאָזער־קווינקע איז אַן אַנטיסעמיט ניט ווייניגער, אויב ניט נאָך מער פֿון מיר מיט דיר. דער איינציגער ייד, מיט וועלכן מיר דאַרפֿן זיך רעכענען — איז זיין פֿאָטער, — איז אויך, מ'שמיינס געזאָגט, וואָס פֿון זיין יידישקייט איז שוין געבליבן?!

ריגעל: דער נאָז זיינער אַליין וואָס איז ווערט?!

בינך: דער נאָז געפֿינט זיך איצט אין אַ איבערגאַנגס־סטאַדיע...

צוזאַמען מיטן נאָמען האָט דער געהיים־ראַט אָפּגעטרייסלט פֿון זיך די לעצטע שפּורן פֿון פּאַלעסטינע.

ריגעל: און די פֿאַמיליע זײַנע?

בינך: זײַן פֿאַמיליע איז אייגנטלעך מאָוס, נאָר ער האָט פֿאַרביטן דעם „ס" אויף אַ „ר".

ריגעל: איר, פֿילאָלאָגן, (שפּראַך־געלערטע) רופֿט עס אָן „ראָדאַציזמוס"?

בינך: דאָס ווייסטו אײַך? ביסט דאָך גאָר אַ למדן! יאָ, דאָס איז אַ פֿאַל פֿון ראָדאַציזמוס, זייער אַ וויכטיקער פֿאַל...

ריגעל: עכט יידיש: אַפֿילו די נעמען פֿון די טאַטעס צודרייט מען אויך. קיין זאַך איז בײַ זיי ניט הייליק. איך קען מיר גישט ערלויבן צו באַליידיקן פֿראַנקאָ־טיזרינגיען, נאָר איך מוז באַמערקן, אַז...

בינך: וואָס דאַרפֿסטו מער: די קאָרפּאָראַציע פֿון די גוואַרדייאישע אָפֿיצירן איז דאָך געווים אַ פֿאַרשלאָסענע, און דאָך דינט דאָרט, אַלס אָפֿיציר דער עלטערער ברודער פֿון ערנסט. דאַרף דען אונזער קאָרפּאָראַציע זײַן שטרייננגער געשלאָסן ווידער די אָפֿיצירישע?

ריגעל: וואָס איז ער דאָרט, — אַ רעזערוו־אָפֿיציר?

בינך: ניין, אַן אַקטיווער אָפֿיציר.

ריגעל: אויב אַזוי האָב איך נישט וואָס צו ריידן, דאָך... הם... הם... (קלייפֿעלד און ערנסט קומען צו).

קלייפֿעלד: אָט וואָס, ריגעל, אויב דו טאַנצסט ניט, טאָ קום אַרײַן אין אונזער קליינער בירהאַלע און מיר וועלן דאָרט מאַכן אַ שנעפּסל.

ערנסט: יאָ. אַגב וועסטו אונז דערציילן וועגן אײַער קאָרפּאָראַציע, וועגן אוניווערסיטעט. איך וויל אַריבער צו אײַך אויף אַ סעמעסטער: אַ זומערדיקן, — ווײַל איך רעכן, אַז אײַער צפֿונדיקער ווינטער וועט מיר ניט גאָר געפֿעלן.

ריגעל: (קאַלט, מיט גאווה) בײַ אונז, דײַטשן, איז ווינטער — אַ צײַט פֿון די בעסטע פֿערגעניגענס אויפֿן פֿרישן, קאַלטן לופֿט...

בינך: (שטעלט זיך צווישן ריגעלן און ערנסטן) באַלד וועסטו זיך דערמאָנען אָן גליטשן און ס'וועט דיך אַזוי בעגײַסטערן, אַז... דו וועסט אָנהייבן ריידן אין פֿערזן... מיר, פּראָסטע בשר ודם, זײַנען עמפּפֿינדליך צו קעלט, מיר זײַנען צוגעוואוינט צו אונזער וואַרימען קלימאַט. (שמועסנדיג גייען זיי אַלע אָפּ אין הינטערגרונט. ריגעל בעזײַטיגט זיך פֿון ערנסטן).

4-ער אויפטריט

(קילגאָלט קומט פון רעכטס, האָווערמאַן גייט אים אַנטקעגן. כמאָזער און ציטעל — ביים קאַמין).

האָווערמאַן: ווייסט איר שוין, אַז קאָן האָט באַקומען די גרויסע גאָלדענע מעדאַל אויפן אינטערנאַציאָנאַלן מאַטעמאַטישן קאָנקורס?

קילגאָלט: וואָס? אונזער קאָן? דאָס איז שוין באַוואוסט אָפיציעל?

האָווערמאַן: קאָן האָט נאָר וואָס באַוויזן דעם הער מאָזער אַ דעפּעש פון גענעראַל-סעקרעטאַר פון שטאָקהאָלמער אַקאַדעמיע. דעם אַל-וועלטליכן פּריז פאַר מאַטעמאַטיק באַקומט קאָן! דאָס איז אַ שיי-נע המצאה... פון גאָט געבענטשט איז דער קאָן!... אָט האָט איר אייך נאָך אַ באַווייז מיט וואָס פאַר אַ דרכים עס גייט די אינטערנאַציאָנאַלע יידגשאַפט...

קילגאָלט: נו, דאָס איז שוין צופיל אַ ביסל, — חושד זיין די שוועדישע זשורי... סוף כל סוף האָט דאָך קאָן קיין באַדייטונג ניט גע-קאָנט האָבן פּשוט דערפאַר, ווייל ביז מען האָט געעפנט דעם קאָנווערט, האָט מען פון אים להלוטין ניט געוואוסט.

האָווערמאַן: זייט נישט אַזוי נאַאיוו, קאָלעגאַ. איר ווייסט אויסגעצייכנט ווען וואָס דאָ האַנדלט זיך.

קילגאָלט: אפשר וועט זיין מער קרוב לאמת, אַז קאָנס אַרבעט איז ווירק-ליך געווען די בעסטע?...

האָווערמאַן: איר אַליין גלויבט דאָך אין דעם נישט ערנסט. איר ווייסט ניט ווייניגער פון מיר, אַז יידן האָבן קיינמאָל ניט באַשאַפן קיין נייע און באמת אָריגינעלע זאַכן. אויסטייטשן דאָס גאָלד פון דעם אַריער זשעני אויף שמוציגע קופּערנע מטבעות און דערלאַנגען עס דעם המון, — אָט דאָס קאָנען זיי, אָבער...

קילגאָלט: מיין ליבער האָווערמאַן, איר האָט זיך ווידער אַרויסגעכאַפּט אויף אייער פערדל... עס העלפט נישט: דאָס, וואָס יידן זיינען פייאיג צו מאַטעמאַטיק קענט איר ניט אָפּלייקענען. אויב זיי האָבן אַפילו אויפן געביט פון קונסט ווייניג געשאַפן, האָבן זיי אָבער זייער פיל פאַרדינסטן אויפן געביט פון מאַטעמאַטיק. ניין, דאָס פרייט מיך זייער, — קאָנס פּריז איז אַ כבוד פאַר אונזער אוניווערסיטעט. איצט וועט מיר פיל גרינגער זיין צו געבן אים אַ ענטפער אויף זיין ביטע וועגן פּראָפעסורע.

האָווערמאַן: ער ווייס שוין, הייסט זיך, דעם ענטפער לערך אַ וואָך זעקס?!

קילגאַלט: איר מיינט, מסתמא, זיין השתדלות וועגן אַ שטעלע פון אַ עקס־טראַ־אָרדינאַרן פּראָפעסאָר?

האַווערמאַן: געווים.

קילגאַלט: ניין, ניין. מיר האָבן אונזער אָפּזאָג מאָטיווירט מיט דעם, וואָס לויט די סטאַטוטן איז דער אוניווערסיטעט אַ קריסטליך־יעוואַנגעלישער און מענטשן פון אַן אַנדער גלויבן קאָנען ניט צוגענומען ווערן אין קאָרפּאָראַציע פון זיין לערערשאַפט. סימך זייענדיג זיך דערויף האָט קאָן פאַרגעלייגט דער העכערער מאַכט, מען זאָל ענדערן די תקנות פון אוניווערסיטעט, ווייל ער...

האַווערמאַן: היות, ווי די סטאַטוטן ערלויבן ניט דעם העבער קאָן צו ווערן אַ פּראָפעסאָר, דאַרפן זיי, די אוניווערסיטעט־תקנות, געענדערט ווערן?... גלענצנד! אַ אמתער יידישער שפּיצל! נו. וואָס האָט אים דער קאַבינעט געענטפערט אויף זיין חוצפּהדיגן פאָרשלאָג?

קילגאַלט: קורץ און שאַרף: „דער קאַבינעט געפינט ניט פאַר מעגליך צו באַפרידיגן זיין בקשה". איך האָב לכתחילה געוואוסט, אַז אַזוי וועט זיין און האָב אים אָפּגעשלאָגן דערפון, נאָר ער טראָגט זיך כסדר אַרום מיט זיינע רעכט... ער וויל מיטן קאָפּ די וואַנט דורכברעכן... איך האָב אים שוין צעהן מאָל ערקלערט, אַז זיין איינגעשפּאַרטקייט איז צוועקלאָז, אַז ער איז שוין גענוג רייף צו פאַרשטיין דעם גייסטיגן און מאָראַלן אינהאַלט פון קריסטנטום און...

האַווערמאַן: און... באַדאַרף זיך שמדן, אַזוי מיינט איר? ניין, ליבער קאָלעגאַ, דאָס טאָרט איר גאָר ניט וועלן. אַזעלכע טויפענישן זיינען געפערליכע, זיטליך — פאַרברעכערישע. שפּילערייען מיט אַלץ, וואָס אַ מענטשן איז הייליג!... דאָס איז נאָר אַ מאַסקן־טויש, אַ פרוב אונטער אַ מאַסקע פון קריסטנטום אַריינקריכן אין דער דייטשער געזעלשאַפט!

קילגאַלט: מען קען נישט זאָגן, אַז אייער שטאַנדפּונקט איז נאָר אַ קריסט־ליכער. וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מיר צו אָפּזאָגן אַ מענטשן פון דאָס מעגליכקייט צו חוזר בתשובה זיין?

האַווערמאַן: נעמט ניט פאַר אומגוט, ליבער קאָלעגאַ, דאָס איז פּוסטע רייד. די אַלע „זאָגענאַנטע" קריסטן, וועלכע מיר קאָנען, האָבן קיין שייכות ניט צו תשובה... איך בלייב ביי מיין מיינונג, אַז דאָס אויסערליכע קריסטנטום איז אַ מיאוסער מאַסקאַראַד, פאַר וועלכן מען דאַרף, איינענטליך, באַשטראָפן, אַזוי, ווי מען באַשטראָפט

פֿאַר אונגעזעצליך טראָגן אַ אײנפֿאָרם. זעלבסטפֿאַרשטענדליך, אַז פֿון פֿרייען רעדט זיך ניט... אַ פֿרייען-נשמה, אַפילו אַ יידישע איז עמפֿינדליכער און שטרעבט צו הויכע אידעאַלן; אַז אַ יידישע פֿרוי שמדט זיך, גלייב איך אין איר אויפֿריכטיקייט, נאָר ביי אַזעלכע קאַריערהיסטן ווי דער קאָן...

קילגאָלט: נו, האָט איר זיך גאָר צורעדט וועגן דעם, וועט שוין אַזוי גיך קיין סוף ניט זיין. לאָמיר בעסער נעמען צו גלעזלאַך ווײַן און לאָמיר גיין אויסרייכערן צו גוטן סיגאַר. (ער נעמט אים אונטערן האַנט און גייט צום בופֿעט, מען לאָזט זיי דעם וועג. ער באַגריסט די סטודענטן. מוזיק ווערט שטיל. די טענצער שפּאַצירן. די דינער טראָגן אונטער דעם עולם ערפֿרישונגען).

5-ער אויפֿטריט

(קאָן און כֿריסטינאַ קומען פֿון טאַנץ-זאַל, כֿריסטינאַ לויפֿט צום פֿאָטער, קאָן נאָך איר. ציטעל פֿאַרנויגט זיך העפֿליך פֿאַר כֿריסטינען און גייט אָפּ צו קילגאָלט און האַווערמאַן).

מאָזער: נו, כֿריסטינאַ, ביסט שוין מיד געוואָרן טאַנצנדיג?

כֿריסטינאַ: אָ, ניין פֿאָטער, אַזוי גיך? — ניין, איך שפּיר זיך זייער גוט.

מאָזער: נו, איז גוט. אַזוי האָב איך ליב. דאָך זעץ זיך און רוה אָפּ אַ ביסל. (זי זעצט זיך ביים קאַמין. שפּילט מיטן פֿאָכער).

קאָן: (שיינע שוואַרצע וואָנסן, געקרייזלטע האָר, אַ יידישער נאָז. ער שטעלט זיך הינטער כֿריסטינען). ערלויבט מיר, פֿריילן, פֿאָרלייגן איך עטוואָס צו ערפֿרישונג.

כֿריסטינאַ: אַ דאַנק, איך באַדאַרף קיין זאַך ניט... בלייבט נאָר דאָ... (די לעצטע ווערטער רעדט זי אַרויס אומגערן. זי פֿאַרדעקט זיך מיטן פֿאָכער).

מאָזער: כֿריסטינע, דאָס איז דאָך נאָר אַ פֿאָרם און וועלכער דער הער קאָן האָט ערקלערט, אַז ער אַליין וויל זיך ערפֿרישן...

קאָן: ניין, ניין, הער מאָזער. ווען איך האָב דאָס גליק צו זיין אין געזעלשאַפֿט פֿון אייער טאָכטער...

מאָזער: מיין קינד, וואו האָסטו געלאָזן די מוטער?

כֿריסטינאַ: (ווי פֿון טרוים אויפֿגעוואַכט) די מוטער?... איך... איך ווייס נישט....

קאָן: אייער פֿרוי זיצט, דוכט זיך, מיט פֿריילן, קווינקע, וועלכע איז אַרומגערינגלט מיט פֿערערער.

כריסטינאַ: מאַרי איז ווירקליך רייצנד. זי איז, אָן ספק, די קעניגין פון דעם אָוונט.

קאָן: אָן ספק? איך הער ערשטער וואָג צו צווייפלען אין דעם.

מאָזער: המ... המ... ע... אייער ערשטער פּריז אין שטאָקהאָלם האָט אַרויסגערופן אַ גרויס אינטערעס ביי אונזערע פּראָפעסאָרן.

קאָן: אָן ספק. דאָס קליין שטיקעלע גאָלד וועט ווירקן אויף אַ סך מענטשן ווי אַ פילפּודיגע משא... קנאה פון שונאים איז אַ סימן פון ערפאָלג אין די בעסטע באַפרידיגונג.

כריסטינאַ: דאָס איז זייער ניט קיין פאָרנעמער געפיל.

קאָן: פאָרנעם קען מען זיין נאָר מיט פאָרנעמע מענטשן. אין דעם פאַל פיל איך מיך ניט שולדיג, ווייל מיינע שונאים, מיט וועלכע מיר קומט אים האָבן צו טאָן, פאַרדינען נישט קיין בעסערע באַציהונג צו זיך.

כריסטינאַ: איך מיין, אַז פאָרנעם איז מען בכלל פאַר זיך און ניט פאַרן צווייטן.

קאָן: וואָס פאָדערט איר פון מיר? איך האָב זיך נאָך ניט אויפגעהייבן צו דער מדרגה פונם געבאָט: „ליבט אייערע פיינד" (צו מאָזערן) אַזאַ פּראָגרעס וואָלט געקענט האָבן פאַר מיר אַ פּראַקטישע באַדייטונג. אין דעם זין איז איך געווען דער ענטפער פון העכערן ראַט אויף דעם באַשלוס פון אונזער פאַרדומפּט אוניווערסיטעט-וועלטל. איצט וועלן זיי זיך כאָטש שעמען נאָך אַמאָל צו אָפּזאָגן. איבעריגנס וועל איך דאָך סוף כל סוף באַקומען אַן איינלאַדונג פון אַן אַנדער אוניווערסיטעט.

כריסטינאַ: (דערשראָקן) וועלן מיר איך, הייסט עס, פאַרלירן?

קאָן: אויב דער פאַקולטעט וועט נאָר וועלן — וועט ער מיך פאַרלירן. איך וויל אָבער האָפן, אַז ער וועט עס ניט וועלן. איך האָב גענוג גרונד אין רעכט צו האָפן און גלויבן.... דאָס האָט געשפּילט אין מיין שטאָקהאָלמער ערפאָלג אַ פיל גרעסערע ראָל, ווידער יענער ניט פאָרנעמער געפיל... (כריסטינאַ, וועלכע קוקט אויף אים די גאַנצע צייט האָט ביי די לעצטע ווערטער אַראָפּגעלאָזן די אויגן).

6-ער אויפטריט

(עס קומען אַריין עמאַ, קאַרל—אין אַ מונדיר—און מאַריאַ קווינקע)

עמאַ: (ניט ענטפערנדיג אויף קאָנס באַגריסונג) פאָטער, וועלכער מיינונג ביסטו וועגן גיין אַ היים?

מאַריאַ: אַך, מומינקע! (דערשראָקן).

עמאַ: דו ווייסט, מײַן קינד, אַז דײַן פּאַפּאַ איז אומצופרידן ווען מיר ברייגנען דיך אַהיים שפּעט.

מאַריאַ: שפּעט?! מומע, איצט, ווען עס איז אַזוי פרייליך, דער באַל האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן!

כריסטינאַ: (גייט צו דער מוטער, קושט איר די האַנט) אַך, ניין מאַמאַ, לאָמיר נאָך בלײַבן. יאָ, פאָטער?

מאָזער: איך האָב גאָרנישט קעגן דעם.

עמאַ: נו יאָ, דו ביסט אַלע מאָל מסכים, ווען די קינדער ווילן נאָר עפּעס אַ שטיף טאָן.

כריסטינאַ: פאָטער, נו, זאָג זשע!

מאַריאַ: פעטער, זאָג!

מאָזער: (טוט יידישלאַך אַ קוועטש מיט די אַקסלען און באַוועגט די הענט) מײַן גאָט, וואָס קאָן איך זאָגן? בעט די מאַמאַ. (צו עמאַ) אַז דו וועסט באַשטימען, וועסטו מיר אַ ידיעה געבן. (גייט צו קילגאַלטן א. א.)

כריסטינאַ: מוטער, ליבינקע, איב דו ביסט מיד, וועט דיך קאַרל באַגלייטן אַהיים.

מאַריאַ: (שמייכל) ניין, ניט קאַרל, — איך האָב צוגעזאָגט קאַרלען נאָך דרײַ טענץ. מומע, דיך וועט באַגלייטן ערנסט.

עמאַ: ס'איז באמת אַ פאַרגעניגן צו קיקן, ווי איר ווילט עס אַלע פון מיר פּטור ווערן.

כריסטינאַ: מוטער....

מאַריאַ אַך, ניין. מומע....

כריסטינאַ: איב דו וועסט אַוועקגיין, מאַמאַ, וועסטו אונז אויף העלפט צושטערן די שמחה. מאַמאַ. זאָג: מיר וועלן בלײַבן? יאָ? כאָטש ביז 2 אַזייגער (קושט די האַנט).

עמאַ· אַך, די שטיפערין!

מאַריאַ: (ווײַזט אין פענסטער) זעה, ווי שיין עס איז אין גאָרטן. די לבנה, דער פאָנטאַן... און דאָרט אין די גראָז — גליה־ווערעמלאַך. קום אַ ביסל שפּאַצירן.

קאַרל: מיט פערגעניגן. מאַרי! דו ביסט אַזוי רייצנד, ווען דו טרוימסט פון דער לבנה און גליה־ווערעמלאַך! דאָס איז אַזוי ראָמאַנטיש, און אַלטער ראָמאַנטיזם איז איצט העכסט מאָדערן...

מאַריאַ: דו, קאַרל, האָסט אין זיך קיין טראָפּן פּאָעזי נישט. כריסטינאַ, דו גייסט?

קאָן: ענטשולדיגט. איצט גיין אין גאָרטן איז זייער ניט פּאָרזיכטיג. דער טוי ליגט דאָך אויף די שטעגעלאַך.

מאַריאַ: איר מיינט אַזוי?

קאָן: דאָס וואָלט געווען אַ שפּאַציר לויט קנייפּס מעטאָדע און די פּאָעזיע וואָלט זיך געענדיגט מיט אַ קאַטער. (ער שמועסט מיט כריסטינען און מאַריען).

קאַרל: (שטיל צו דער מוטער) דעם נפש קען איך ניט איבערטראָגן.

עמאַ. שטילער, קאַרל, ער קען נאָך דערהערן.

קאַרל: נו, זאָל ער! איך וואָלט עס מיט פאַרגעניגן אים אין פּנים אַריינזאָגן.

עמאַ: (שטרייכט) קאַרל, איך בעט דיך! וואָס פאַר אַ פליג האָט דיך אַ ביס געטאָן?

קאַרל: אַ גאַנצן אָוונט טרעט ער ניט אָפּ פון כריסטינען. ער קאָמפּראָמעטירט זי.

עמאַ: פון דעם קען גאָר קיין רייד ניט זיין: כריסטינע איז דאָ מיט אייגענע. ס'איז ניט גאָר אַזוי טאַקטיש, וואָס ער לאָזט ניט צו רוה אַ ווייַלע דאָס קינד, — איך וועל עס איר זאָגן, — אָבער ס'איז נאָך קיין גרונד נישט צו באַליידיגן דעם מענטשן (קאַרל דרייט נערוועז די וואָנסן).

קלייפעלד: (צווישן די סטודענטן) ריגעל, ווילסט מען זאָל דיך פאָרשטעלן דער פריילין מאָזער־קווינקע? קיין שענערע פאַר איר איז דאָ ניטאָ. (צו ערנסטן) קען איך אַזוי זאָגן: מאָזער קווינקע?

ערנסט: איך האָב גאָרנישט קעגן.

ריגעל: (קאַלט) צופיל כבוד פאַר מיר. איך בין נישט אינטערעסאַנט פאַר איר, ווייל איך טאַנץ ניט. דעריבער האַלט איך פאַר גלייכער צו קוקן אויף איר פון דער ווייטן.

קלייפעלד: ווי דו ווילסט. און איך וועל פּרובן מזל. (גייט צו כריסטינען, פאַרנייגט זיך העפליך) געעהרטע פריילין, איך האָב די עהרע איינלאַדן אייך אויף אַ וואַלס!

כריסטינאַ: עס טוט מיר זייער לייד, נאָר די מוטער וויל, מיר זאָלן באַלד גיין אַהיים, און ביז דאַן בין איך שוין איינגעלאַדן אויף אַלע טענץ. (קלייפעלד פאַרנייגט זיך און גייט אַוועק).

קאַרל: (צו כריסטינען) איך האָב שוין אָנגעציילט פיר מענטשן, וועלכע דו האָסט אַנטזאָגט.

כריסטינאַ: קיין אינטערעסאַנטערע אַרבעט, ווי צו פירן דעם רעכענונג, האָסטו ניט?

קאַרל: ווער זיינען דאָס די גליקליכע, וועמען דו האָסט ניט אַנטזאָגט?

קאָן: (אָנקוקנדיג קאַרלען, זיכער) דער העכסט גליקליכער מענטש — בין איך.

עמאַ: (שנעל און בעדייטנד) זיי אַזוי גוט, קאַרל, ברינג מיר אַ גלאָז אָרשאַד.

קאַרל: (וואַרפט אַ בייזן בליק אויף קאָן) תיכף, די מינוט, מוטער... (גייט צום בופעט).

ערנסט: (נעמט קאַרלען פאַרן האַנט) איין מינוט קאַרל, איך וויל דיך באַקאַנען מיט אונזערן אַ גאַסט, אַ מיטגליד פון קאָרפּאָראַציע „ליטואַנאַ־באָרוסיען".

קאַרל: איך בין פאַרנומען, איך דאַרף געבן דער מאַמאַ אַ גלאָז אָרשאַד, שפּעטער אַ ווײַלע.

קלייפעלד: (דערהערט) טוט מיר אַ טובה, הער מאָזער־קווינקע, ערלויבט מיר בעדינען אייער מוטער (ער גיט עמאַ אַ גלאָז אָרשאַד, פאַרנייגט זיך).

ערנסט: (מיט קאַרלען) ערלויב דיר פאָרצושטעלן, קאַרל: סטודענט־יוריסט פאָן־ריגעל, מיטגליד פון קאָרפּאָראַציע ליטואַנאַ־באָרוסיען. מײַן ברודער. (ריגעל קלאַפּט צו מיט די אָבצאַצן, האַלט זיך אָנגעשטריינגט).

קאַרל: איר זייט דאָ דעם ערשטן מאָל, הער פאָן־ריגעל?

ריגעל: יאָ, הער מאָזער־קווינקע. עס האָט זיך זייער געוואָלט פּערזענליך באַקאָנען מיט די ליבע פראַנקאָ־טיורינגער.

קאַרל: איך האָף, אַז איר וועט אונז פאַרשאַפן פערגעניגן און בעזוכן אונזער קלוב. איר זייט אַ רעזערוו־אָפיציר?

ריגעל: ניין נאָך, הער מאָזער־קווינקע, נאָר אין דעם יאָר ווער איך אויסגעפאָדערט אַלס לאַנדווער און דאַן האָף איך צו באַקומען דעם טיטול.

קאַרל: ווען האָט איר געדינט, הער ריגעל?

ריגעל: מיט צוויי יאָר צוריק.

קאַרל: אין וועלכן רעגימענט?

ריגעל: אין פערטן קיראַסירן־רעגימענט.

קאַרל: אַ גוטער רעגימענט.

ריגעל: געווים. איך בין שטאָלץ דערמיט, וואָס פון אָנהייב דעם יאָר־הונדערט האָבן מיינע אורעלטערן און עלטערן געדינט אין דעם רעגימענט. איך בין דער פערטער דור אין אונזער משפחה, וועלכער טראָגט דעם מונדיר.

קאַרל: בראַוואָ! און מיר וועט איר געפינען אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט אייך, ווייל איך האָב אויך רעכט צו שטאָלצירן מיט דאָס זעלבע. (ריגעל קוקט אים אָן פאַרחידושט) פון דעם ערשטן מאָמענט, זינט גוואַרדיע האָט זיך געגרינדעט, דאָס הייסט, מער ווי 200 יאָר, האָט מיין פאַמיליע דאָרט אירע פאָרשטייער. דער ערשטער קאָמאַנדיר פון דעם רעגימענט איז געווען — פאָן־קווינקע, און אין דער לעצטער קריג האָט מיין זיידע באַפעלט איבער אים.

ריגעל: (נייגט זיך) דערמיט, פאַרשטייט זיך, קען מען מער שטאָלצירן.

קאַרל: (גיט אים די האַנט) עס פרייט מיך זייער צו זיין באַקאַנט מיט אייך. איך בעט אייך מאָרגן, ניין, מאָרגן בין איך פאַרנומען, — איבערמאָרגן צו אונז אויף מיטאָג. איר וועט קומען? צו צוויי אזייגער.

ריגעל: (דריקט אים די האַנט) איך דאַנק, הער מאָזער־קווינקע. איך וועל זעהען, ניט אַנדערש, קומען. (קאַרל גייט צו די דאַמען) (צו ערנסטן) איך דאַרף דיר זאָגן, אַז דיין ברודער איז אַ לייט.

ערנסט: אַז מען שמועסט מיט אים אַזוי זיך, מען שפּאַסט, — איז נאָר ניט צו מערקן, וואָס פאַר אַ פייער דאָס איז. נו, הענגן דעם זאָלן דיר אַנדערע דערציילן.

בינך: אין קלוב וועסטו זיך אָנהערן געשיכטעס וועגן זיינע ווילדע מעשים אויף די היפּאָדראָמען און וועגן זיינע וועטענישן. פון אייניגע איינפאַלן זיינע דערציילט מען פשוט מערקווירדיגע פאַקטן. (קלייפעלד גייט צו, רעט מיט ערנסטן און גייט מיט אים צו פרוי מאָזער. נאָך דיי גייט מאָזער און ציטעל, אַלע פירן געמיינזאַם אַ שמועס מיט עמאַ און מאַריאַ. קילגאַלט און האַווערמאַן פאַרלאָזן דעם סאַלאָן).

ריגעל: (שטיל צו בינצן) צום גליק איז דער נפש מער קווינקע,

PUBLIC LIBRARY DETROIT MICH

ווידער מאָזעס, אָדער מאָזער. יאָ, מען מוז מודה זײַן, אַז אין מונדיר שטעקט אַ גרויסע ערציִהונגס־קראַפֿט.

בינק: (שמייכלט) אָט זעסטו?! ווען מען וואָלט אָבער דעם ערציִהונגס־מיטל געגעבן פֿילע פֿון זייער פֿאָלק!

ריגעל: פֿון זייער פֿאָלק!... אַ־האַ!... געגן דעם פּראָטעסטיר איך שוין אין דעם נאָמען פֿון פֿאָן־קווינקע. די פֿאָרנעמע בלוט פֿון די אַלטע פֿראַנצויזן פֿאַרמאָגן אַזוי פֿיל אינערלעכע קראַפֿט, אַז קיין מישונג קען עס ניט קאַליע מאַכן.

בינק: אין וואָס, אייגנטלעך דאַרף איך איצט גלייבן: אין די איינגעשאַפֿט פֿון די אַלטע פֿראַנצויזישע בלוט, אָדער אין דער ערציִהונגס־קראַפֿט פֿון מונדיר? ענטשולדיק, ריגעל, דײַן לאָגיק הינקט אַ ביסל אונטער....

כריסטינאַ: (שטייט אויף) אויב מען קען נישט גיין אין גאָרטן, טאָ לאָמיר זיך כאָטש דאָ אַ ביסל אָפּלופֿטערן. (זי גייט צום פֿאָדערשטן פֿענסטער, ריגעל און בינק פֿאַרנייגן זיך).

קאָן: (גייט נאָך כריסטינען. שטיל) צי וועט מען עס ניט באַמערקן, כריסטינאַ?

כריסטינאַ: (פֿאַרדעקט דעם פּנים מיטן פֿאָכער. שטיל) אַלענפֿאַלס ווייניגער ווי מיר וואָלטן זיך געסודעט אָפּגעזונדערט פֿון אונזערע... (קוקט אין פֿענסטער).

ריגעל: די פֿריילן מאָזער־קווינקע זעט ווירקלעך אויס ווי אַ פֿרוי פֿון דער ריטער־עפּאָכע. ס'איז פּשוט אַ שאַנדע, וואָס דער יידל דרייט זיך אַרום איר! וואַרט, איך וועל אים אָפּגעוואוינען פֿון דעם.

בינק: עס לוינט נישט די הענט צו שמוצן, ריגעל. קום, פֿאַרצער ניט אומזיסט די גאָלדענע נאַכט־שטונדן. נאָך אַ כּוס קיל־אָלטס ווײַן און דאַן גייען מיר אַריבער צו ביר. (ער גייט מיט ריגעלן צום בופֿעט, טרינקען. זאָגט ערנסטן און קלייפֿעלדן אַ פּאָר ווערטער. אַלע אָפּ דורכן טאַנץ־זאַל).

7־ער אויפֿטריט

(ביים קאַמין — מאָזער, עמאַ, ציטעל, קאַרל, מאַריאַ. לינקס ביים פֿענסטער — כריסטינאַ און קאָן. כריסטינאַ — האַלב אָנגעטערן פּאַרטיער. קאָן זעצט זיך נעבן איר).

קאָן: וואָס פֿאַר אַ אונערטרעגלעכער פּײַן!

כריסטינאַ: מײַן פֿרײַנד, לײַד איך דען װײניגער?

קאָן: קײן אײן מאָל נישט קענען דריקן אײער פּראַכט־שײנע האַנט, ניט קענען אַ קוש טאָן זי!

כריסטינאַ: דערפֿאַר האָב איך דאָך אונטערשטיצט מאַריעס פֿאָרשלאָג: אין גאָרטן איז טונקל און שטיל.

קאָן: און גראָד, אַ דאַנק דעם, װאָלטן אונזערע באַגלײטער פֿאַרדאָפּעלט זײער אױפֿמערקזאַמקײַט.

כריסטינאַ: מאַרי און קאַרל זוכן דאָס זעלבע װאָס מיר.

קאָן: יאָ, אײער מוטער אָבער איז אַ גאַנץ אַנדער מײנונג... פֿרײלן קװינקע און אײער ברודער זײַנען גליקליכע, — זײ קענען זיך זעהען װען און װאו זײ װילן.

כריסטינאַ: אַך, װען מיר װאָלטן געװען ברודער און שװעסטער!...

קאָן: טײַערע מײַנע, מיך װאָלט עס ניט באַפֿרידיגן.

כריסטינאַ: נאָר פֿון אָנהײב, פֿאַרשטײט זיך.

קאָן: יאָ, דאָס װאָלט געװען אַ מתנה פֿון גאָט, — איך װאָלט געהאַט די מעגליכקײַט באַזוכן אײַך, בלײַבן מיט אײַך אונטער פֿיר אױגן און פֿאַר נאַכט אין לײַט זאָגן אײַך „דו"...—„דו כריסטינעלע!"...

כריסטינאַ: (פֿאַרמאַכט די אױגן פֿאַר תענוג) אַך!...

קאָן: מיר איז עס אָבער ניט באַשערט, כדי צו בלײַבן מיט אײַך אַלײן מוז איך דוקא אױסזוכן אַ פּלאַץ, װאו ס'איז מער עולם... נאָר צװישן אַן עולם איז מעגליך צו בלײַבן אונבאַמערקט.

כריסטינאַ: ריכטיג. װאָס מיך אָנבעלאַנגט, באַמערק איך טאַקע ניט קײן עולם, װען איך בין מיט אײַך.

קאָן: יאָ, דערפֿאַר באַמערקט אָבער דער עולם אונז. עך, אַמאָל זײַנען די געטער געװען באַרעמהערציגער צו מענטשן: ליבענדע זײַנען געװען פֿון אינפֿערשײַטע אױגן מיט אַ װאָלקן פֿאַרהילט...

כריסטינאַ: װער איז שולדיג אין דעם, װאָס דאָס איז פֿאַרשװאונדן? מיט אײער װיסנשאַפֿט האָט איר פֿאַריאָגט גאָטס װאונדער און מער קומט ער שוין נישט אױף דער װעלט.

קאָן: אַזױ גאָר? נישטאָ מער קײן װאונדער? כריסטינע, מײַן כריסטינעלע, איר אַלײן זײַט דאָך אַ גאָטס װאונדער, שענער און צױבערישער פֿון װעלכן ס'איז אױף דער װעלט ניטאָ!

כריסטינאַ: אַך, קוקט נישט אַזױ אױף מיר. װען איר װאָלט װיסן, װאָס

עס דריקן אויס אײַערע אויגן און אײַער געזיכט! פֿון דערווײַטן וואָלט איך אָן אײַערע אויגן פֿאַרשטאַנען וואָס איר ווילט זאָגן.

קאָן: (באַמיהט זיך צו באַהערשן) אייגענטליך איז אַזוי נאַריש און קאָמיש צו שפּילן אַ קאָמעדיע פֿון געזעלשאַפֿטליכע אָנשטענדיגקייט, בשעת עס ציט מיך צו אײַך מיט אַ אומבעגרײַפֿליכע קראַפֿט.

כֿריסטינאַ: טאַנצן איז אַ גלענצענדע ערפֿינדונג! ניט אמת?

קאָן: יאָ. ווען ניט קיל־אַלטס אוונטן, וואָלט מיר אויסגעקומען ניט אַנדערש ווי אומוואַנדערן איבער די באַלקאָנען מיט סערענאַדעס, מיטן שטריק־לייטער פֿון ראָמעאָ, אָדער פּשוט אַרויסגנבֿענען אײַך בײַנאַכט...

כֿריסטינאַ: דאָס וואָלט, אייגענטליך געווען גלענצנד, נאָר עס וואָלט אײַך פֿאַרמאַטערט נאָך מער ווי די טענץ, וועלכע זײַנען פֿאַר אײַך אויך ניט קיין קליינע אָפּקומעניש. ניט אמת?

קאָן: אַ מיטל, דורך וועלכן איך האָב די מעגליכקייט אײַך אַרומנעמען און צודריקן צום האַרצן — אַ אָפּקומעניש?! כֿריסטינאַ!... אויסער דעם, איז דאָך דער אינהאַלט פֿון טאַנץ — דער ריטם, דאָס הייסט, די פּעריאָדישקייט; אויף אַזאַ אופֿן וואַרפֿט זיך דער טאַנץ אונטער די ציפֿער־געזעצן און דאַן איז עס דאָך מאַטעמאַטיק!...

כֿריסטינאַ: טענץ — מאַטעמאַטיק? דאָס איז מיר קיינמאָל ניט אײַנגעפֿאַלן. צי איז ניט געווען בײַ מיר קיין פֿאָרגעפֿיל דאָס, וואָס איך האָב אַזוי ליב טאַנצן?

קאָן: ליבע כֿריסטינאַ! איך געפֿין, אַז דער טענץ־פּעריאָד ציט זיך צו לאַנג. איך וואָלט שוין וועלן, סוף כּל סוף, צודריקן אײַך צום האַרצן אָן מוזיק.

כֿריסטינאַ: בײַ די קלאַנגען פֿון האַרץ־מוזיק...

קאָן: יאָ, מײַן ליבע! בײַ די קלאַנגען פֿון אינערליכע מוזיק, בײַ קלאַנגען פֿון די פֿידלען און פֿלייטן, וועלכע שפּילן אין מײַן נשמה. (אַ אויגנבליק קוקט ער איר אָן ליידנשאַפֿטליך, נאָר באַלד באַקעמפֿט ער זיך) איצט פֿאַרשטייט איר שוין פֿאַרוואָס איך האָב זיך אַזוי אומגעהויער דערפֿרייט ווען איך האָב באַקומען די ידיעה פֿון שטאָקהאָלם? איצט קען איך רוהיג גיין צו אײַערע עלטערן און ריידן מיט זיי אָפֿנהערציג. איך וואַג עס צו טאָן, ווײַל איך האָב רעכט דערויף.

כריסטינאַ: איר ווייסט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן?...

קאָן: כריסטינאַ!...

כריסטינאַ: איך זע ניט עס זאָל זיך וואָס ענדערן. איר האָט שטענדיג געהאַט רעכט צו ריידן וועגן דעם מיט מײַנע עלטערן. איך האָב קיינמאָל ניט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס דאַרף מען עס דערצו גרייסע דרייסטקײַט? מײַן מוטער איז פּשוט אַ מלאך און דער פֿאָטער איז אַזאַ גוטער.... איר קענט זיך גאָרניט פֿאָרשטעלן.

קאָן: אײַערע עלטערן שרעקן מיך נישט. בכלל שרעקט מיך קיינער ניט. אויב איך האָב געזאָגט, אַז מען דאַרף זײַן דרייסט, איז עס ניט מחמת מורא פֿאַר פֿאָרפֿאַלן מן הצד, נאָר כּדי צו באַקעמפֿן דעם אייגענעם שטאָלץ... פֿאַר שונאים און מלחמה האָב איך קיין מורא ניט. איך בין אַפֿילו בכּח בלוט צו פֿאַרגיסן, הן אייגענע, הן פֿרעמדע, נאָר זײַן אַן אויסגעלאַכטער — דאָס וואָלט איך נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. דערפֿאַר האָב איך מורא געהאַט.

כריסטינאַ: ווער האָט עס געקאָנט אײַנפֿאַלן צו אויסלאַכן אײַך?

קאָן: דאָס וואָלט געווים פּאַסירט, אויב איך וואָלט געבעטן אײַער האַנט פֿריער. אַ ייד, וועלכער האָט גאָרנישט, איז אַליין אויך גאָרנישט...

כריסטינאַ: איר זײַט אַ דאָצענט.

קאָן: דאָס איז ניט קיין שטאַנד.

כריסטינאַ: אײַער טאַלענט, אײַער צוקונפֿט!

קאָן: אָנווײַזן דערויף — וואָלט געהייסן פּשוט בערימען זיך. אײַערע עלטערן זײַנען נישט קיין מאַטעמאַטיקער און זײַנען ניט מחויב מיר צו גלייבן. איך ווייס, וואָס איך בין, אַנדערע אָבער האָבן ביז איצט געקענט ניט וויסן... סוף כּל סוף וואָלט איך זיי עס גאָר ניט געקאָנט זאָגן.

כריסטינאַ: איך וואָלט עס אָבער געקאָנט זאָגן.

קאָן: טײַערע מײַנע! אַז איך וואָלט געקומען מיט אַ פֿאָרשלאָג צו באַשײַנען איינע פֿון די פּרעכטיקסטע שיינהײַטן, איינע פֿון די רײַכסטע כּלות מיטן נאָמען קאָן...

כריסטינאַ: דער נאָמען שטערט מיר לחלוטין ניט. איך האָב אים כּמעט ליב. און מיך אָנבעלאַנגט עס דאָך אַממערסטן. טרויעריג, פֿאַרשטייט זיך, וואָס עס עקזיסטירן אַזעלכע פֿאָראורטיילן, נאָר מײַן משפּחה בין איך אין דעם ניט חושד.

קאָן: הם...

כריסטינאַ: בײַ אונז האָט מען קײנמאָל װעגן אַזעלכע זאַכן ניט גערעדט. און איך קען מיר גאָר ניט פֿאָרשטעלן, אַז דאָס זאָל קענען זײַן בײַ אונז אַ מניעה. דער פּאַפּאַ... האָט ניט קײן גרונד דערצו; די מוטער האָט אַלײן חתונה געהאַט פֿאַר אַ ייִדן, טאָ װי אַזױ קען זי זײַן קעגן דעם איך זאָל איר נאָכטאָן?

קאָן: מײַן טײַערע כריסטינאַ! עס איז אַ גרױסער אונטערשײד, צי אַ ייִד אַ מיליאָנער האָט חתונה אױף אַ טאָכטער פֿון אַ אָרימן גענעראַל, צי אַ אָרימער ייִד, אַ זון פֿון אַ דאָרף־קרעמער, װיל חתונה האָבן אױף אַ טאָכטער פֿון אַ מיליאָנער.

כריסטינאַ: לעאָ! איר מײנט דאָך ניט, אַז מײַן מוטער האָט חתונה געהאַט צוליב געלט.

קאָן: איך זאָג עס ניט, נאָר איך האַלט, אַז יענעם פֿאַל האָט מען באַטראַכט גאַנץ אַנדערש. אױסער דעם האָט מיט 26 יאָר צוריק בכלל אַלץ אַנדערש אױסגעזעהען. אױף מײַן שדכנען דיך װאָלט מען געענטפֿערט מיט אַ שפּאָטערישן שמײכעלע, און דאָס, װײסט איר...

כריסטינאַ: זײַט איר דען ניט העכער פֿון די אַלע שפּאָטערײַען?

קאָן: איך מײן, װען איך װאָלט ניט געװען קײן ייִד און מײַן נאָמען װאָלט ניט געװען קאָן, װאָלט איך געקאָנט שטײן העכער פֿאַר די שפּאָטערײַען, נאָר בײַ איצטיקער לאַגע, בין איך אַנגסטליך און צװײפֿלזיכטיג װי יעדער מענטש, װעלכער האָט אַ װאונד און האָט מורא עס זאָל זי װער ניט באַרירן מיט אַ אונפֿאָרזיכטיגע האַנט.

כריסטינאַ: אַזאַ עמפּפינדליכקײַט איז שױן פּשוט קרײנקליך.

קאָן: יאָ, דאָס איז קרײנקליך, איך בין מודה... מיר זײַנען קראַנק, מען האָט אונז געמאַכט פֿאַר קראַנקע, און אָט די קרײנק פֿאַרשװאַכט אונזער נאַטור, — בײַ יעדן װאונק פֿון שפּאָטערײַ דרײען מיר זיך אױף אין דרײַען. איך האָב עך ניט געזאָגט אַזױ לאַנג, ביז עס איז געװען צװעקלאָז, ביז איך האָב קײן אױסװעג ניט געהאַט. איצט אָבער, כריסטינאַ, איז די לאַגע גאַנץ אַנדערש. דער ערשטער פּריז אױפֿן קאָנקורס, אין װעלכן עס האָבן זיך באַטײליגט אַלע לענדער פֿון דער װעלט — איז שױן אַ ענין. דאָס איז אַ קאָנקרעטער פֿאַקט. װעלכן קײנער װעט שױן ניט אָנרופֿן „בערימערײַ“ אָדער „פּוסטע גאוה“. דער-

מיט מוזן זיך רעכענען די הערן אַנטיסעמיטן פֿון אונזער אוניווערסיטעט. איצט וועלן זיי זיך שעמען אָפּזאָגן מיר פֿון פּראָפֿעסור, נו, און ווי נאָך איך וועל ווערן פּראָפֿעסאָר, וועל איך שוין, לויטן גאַנגבאַרן מיינונג, פֿאַרנעמען אַ געהעריגן געזעלשאַפֿטליכן פּלאַץ, מײַן לאַגע וועט זיך אין גאַנצן ענדערן. דאַן וועל איך מיט אַ שטאָלץ אויפֿגעהייבענעם קאָפּ פֿאָדערן מײַן כריסטינאַ. מען קען מיר, פֿאַרשטייט זיך, בײַ דער לאַגע אויך אָפּזאָגן, אָבער אויסלאַכן מיך וועט מען שוין ניט וואַגן.

כריסטינאַ: אויב איר פֿילט אַזוי, קען איך גאָרנישט זאָגן קעגן. מיר איז לחלוטין אַלץ איינס צי איר בעט מײַן האַנט, אַלס פּראָפֿעסאָר, אָדער אַלס פּריוואַט־דאָצענט, אַבי איך זאָל זיך נאָר אָפֿן קענען אָנרופֿן אײַערע.

קאָן: טײַערע מײַנע! אַך, ווי שלעכט, וואָס איך קען ניט דאָ, אויפֿן אָרט, אַרומנעמען אײַך!.... פֿאַר אונז קומט אָן אַ צײַט פֿון קאַמף, נאָר מיר וועלן זיגן.

כריסטינאַ: וועגן דעם בין איך גאַנץ רוהיג. בכלל שטעלט איר זיך פֿאָר אַלץ אין פֿיל טונקעלערע פֿאַרבן, ווידער דאָס איז באמת.

קאָן: מיט אײַערע ברידער וועט מיר זײַן שווער דורכצוקומען.

כריסטינאַ: קאַרל און ערנסט זײַנען וואוילע יונגען און האָבן מיך ליב.

קאָן: אָט מחמת דעם מאַקע וואָס זיי האָבן אײַך ליב, וועלן זיי מיר קיינמאָל ניט שיינקען דאָס, וואָס איך האָב באַזיגט אײַער האַרץ. איך פֿאַרשטיי זיי זייער גוט און דעריבער קען איך זיי ניט ענטפֿערן מיט דעם זעלבן טאָן, מיט וועלכן זיי קוקן און ריידן צו מיר...

כריסטינאַ: סוף כל סוף איז דער באַשלוס ניט אָפּהענגיג פֿון מײַנע ברידער און זיי וועלן מוזן מסכים זײַן מיט דעם, וואָס זיי קענען ניט ענדערן. און אַז קאַרל און ערנסט וועלן אײַך נעהענטער דערקאָנען וועלן זיי זײַן אײַערע בעסטע קרובים.

קאָן: איך וועל זיך מיהען צו פֿאַרדינען זייער פֿרײַנדשאַפֿט. מער פֿאַר אַלץ שרעקט מיך דער מאָמענט, ווען איך וועל אײַך דאַרפֿן באַקאָנען מיט מײַנע לײַט.

כריסטינאַ: וואָס? זיי וועט זײַן אונאַנגענעם צו האָבן אַ קריסטין פֿאַר אַ קרובֿה?

קאָן: (לאַכנדיג) מײַן קריסטין וועלן זיי צונעמען מיט פֿערגעניגען. ניין, ניט דאָס שרעקט מיך, — מיך שרעקט דער איינדרוק,

וועלכן עס קאָנען אויף אייך מאַכן מײַנע עלטערן. איר וועט דאַרפן אַרײַנטרעטן אין אַ סביבה, וועלכע איז אייך לחלוטין פרעמד און וועלכע קאָן אייך נאָך אָפּשטויסן פון זיך.

כריסטינאַ: ווי קאָנט איר גאָר אַזוינס טראַכטן?

8-ער אויפטריט

(קילגאַלט פירט אונטערן האַנט אַ אַלטע דאַמע צום בופעט).

קאָן: מײַנע עלטערן זײַנען אַלטפרענקישע יידן, ווי ריידן אויף אַ משונה-דיג דײַטש-יידישן זשאַרגאָן און ווילן זיך בשום אופן נית אָפּזאָגן פון זייערע משונהדיגע געוואוינהײַטן. אַזאַ אויסערליכקײַט באַשאַפט אָפט אַ וואַנט צווישן מענטשן און צוליב אַזאַ ניט ווירדיגע זאַך זעט מען אָפט ניט דעם אינהאַלט, דעם תוך, וואָס באַדאַרף מענטשן צוזאַמענבינדן און וואָס יעדן דאַרף זײַן אַזוי טײַער...

כריסטינאַ: אײַער מוטער איז ענליך צו אײַך?

קאָן: (שמייכלט) ניין, איך בין ענליך צו איר...

כריסטינאַ: איך מיין עס טאַקע אַזוי... נו, אויב אַזוי קען זי מיר נישט פרעמד זײַן, אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך זי זאָל ניט ריידן.

קילגאַלט: (גייט צו) איר זוכט מיך, פריילן?

כריסטינאַ: אין טרויס אַפילו קען מען זיך ניט פאָרשטעלן קיין שענערס, ווידער אײַער גאָרטן בײַם לבנה-שײַן! וואָס פאַר אַ נעשמאַקן גערוך דער ווינט ברײַנגט אַהער פון צײַט צו צײַט.

קילגאַלט: (שמעקט פון פענסטער) יאָ, דאָס איז מײַן אײלבערט-בוים, זי בליהט איצט. די פאַרשכורט פשוט מיט איר גערוך.

כריסטינאַ: מען בעדאַרף עס ווײַזן דער מוטער... (זי גייט צו דער גרופע אויף רעכטס, שמועסט דאָרט, נאָכהער גייט זי צוריק צום פענסטער, וואו עס בילדעט זיך ביסלעכווײַז אַ גרופע).

קילגאַלט: (צו קאָן, וועלכער וויל אַוועקגיין) איין מינוט, העֶר דאָקטאָר.

קאָן: צו אײַער דינסט, העֶר רעקטאָר.

קילגאַלט: (פירט אַרויס קאָנען אין אַ זײַטיקן אַוואַנסצענע) דוכט זיך מען קען אײַך גראַטולירן מיט אַ גלענצענדן ערפאָלג?

קאָן: איר ווייסט שוין?

קילגאַלט: מאָזער האָט מיר נאָר וואָס איבערגעגעבן די פריילעכע בשורה. בראַוואָ, קאָן, בראַוואָ! (ער דריקט זײַן האַנט).

קאָן: איר זײַט זייער ליבנסווירדיג, הער רעקטאָר.

קילגאָלט: דאָס איז אַ גרויסער כּבֿוד פֿאַר אונזער אוניווערסיטעט און דאָס וועט אָפּגעשאַצט ווערן לויטן ווערטה. דעם שוועדישן אָרדען באַקומט איר אָן ספֿק און דאַן וועט אונזער קיסר אויך נישט וועלן בלײַבן קיין בעל חובֿ...

קאָן: דאָס אינטערעסירט מיך אַם ווייניגסטן. אויב איך באַרעכן מיט עפּעס, איז עס מיט דעם, וואָס איצט וועט מײַן השתּדלות...

קילגאָלט: אָט וועגן דעם האָב איך מאַקע געוואָלט מיט אײַך ריידן. איך בין דאָפּלט צופֿרידן, וואָס איר האָט גראָד איצט באַקומען דעם אַלוועלטליכן פּריז. בײַ אַזאַ לאַגע קענט איר לחלוטין אויסלאַכן דאָס, וואָס מען האָט אײַער בימע אָפּגעוואָרפֿן.

קאָן: אַזוי גאָר!... (קליין פּויזע) הייסט עס, ס'איז שוין דאָ אַ ענטפֿער?

קילגאָלט: איך האָב אים הײַנט באַקומען און האָב עס אײַך געוואָלט מיטטיילן בעצײַטנס, איידער איר וועט באַקומען אַ ענטפֿער אָפֿיציעל.

קאָן: האָט מען מיר, הייסט עס, אָפּגעזאָגט!... אויף וואָס פֿאַר אַ סמך?

קילגאָלט: אָן קיין שום סמך. (גוטמוטיג) צווישן אונז גערעדט, ליבער קאָן, האָט איר זיך לכתּחילה געדאַרפֿט ריכטן אויף דעם. איך האָב דאָך ניט געקענט ערנסט מיינען, אַז צוליב אײַך וועט מען ענדערן די תּקנות פֿון אוניווערסיטעט.

קאָן: איך האָב געגלויבט אין גערעכטיגקײַט און געזעץ. די תּקנות ווידערשפּרעכן דער קאָנסטיטוציע. דער סענאַט איז געווען ניט פֿאָרזיכטיג און האָט זיך אין זײַן ערשטן ענטפֿער אויך בערופֿן אויף די תּקנות, נאָר איך, פֿון מײַן זײַט, האָב זיי אָנגעוויזן אויף דער קאָנסטיטוציע. איך האָב אַזוינס בשום אופֿן ניט געקענט דורכלאָזן.

קילגאָלט: ס'איז דאָ גענוג וואָס דעתיף צו ענטפֿערן. איר, למשל, ווײַזט אָן אויף די ניט פֿאָרזיכטיקײַט פֿון סענאַט, און איך זאָג אײַך אַז פֿאָרמעל איז דער סענאַט גערעכט, ווײַל לויטן ווילן פֿון גרינדער פֿון אוניווערסיטעט קען קיין פּראָפֿעסאָר־שטעלע ניט פֿאַרנומען ווערן דורך אַ מענטשן ניט פֿון קריסטליך־עוואַנגעלישן גלויבן. אויף אַזאַ אופֿן קען עס אײַך שוין ניט באַליידיגן. ניט אײַך, דעם פּריוואַט־דאָצענט, דעם דאָקטאָר־מאַטעמאַטיק לעאָ קאָן האָט מען אָפּגעזאָגט אין זײַן בקשה, נאָר בכלל אַ פּרעטענדענט, וועלכער געהערט ניט צום קריסטליך־עוואַנגעלישן גלויבן. מיט דעם מאָמענט ווי איר הערט אויף צו זײַן אַ ייד,

פֿאַלט אײַך אָפּ די סבֿה פֿון אײַער בעזײַטיגונג און מיר האָבן דאַן צו טאָן נאָר מיט אײַער פּערזאָן, װעלכע מיר שעצן לױט די פּערזענליכע פֿאַרדינסטן.

קאָן: זייער שיין, הער רעקטאָר. פֿאַר מיר איז גענוג, װאָס עס איז לפּחות אַראָפּגעריסן געװאָרן די מאַסקע, מיט װעלכע מען האָט זיך פֿאַרשטעלט! איך האָב געװאָלט צװינגען די הערן, זײ זאָלן זאָגן דײַטליך: „הגם אײַער פֿאָדערונג איז געזעצליך און גערעכטיג, נאָר פֿאַר אַ פּראָפֿעסאָר װעלן מיר אײַך ניט באַשטימען, װײַל איר זײַט אַ ייד".

קילגאָלט: װאָס זשע האָט איר געװאונען דערפֿון, װאָס מען האָט עס אײַך דײַטליך אַרויסגעזאָגט?

קאָן: װאָס האָב איך געװאונען? איך האָב געװאונען דאָס, װאָס איצט איז שוין אַלעמען ידוע, אַז גלײַכבאַרעכטיגונג איז אַ שקר. עס איז אָפֿיציעל ערקלערט געװאָרן, אַז קאָנסטיטוציע איז בלױז אַ שטיקל פּאַפּיר, װעלכער האָט קײן שום װערטה ניט.

קילגאָלט: רעגט זיך ניט אומזיסט, מײַן גוטער קאָן. לױט מײַן מײנונג האָט איר גאָרנישט בעדאַרפֿט װעלן די אַלע אַנטדעקונגען. די, װאָס שטײען בײַם רעגירונגס־רודער קומט נאָך אַ דאַנק דערפֿאַר, װאָס זײ מאַסקירן עס, װאָס זײ מיהען זיך טעאָרעטיש און פּרינציפּיעל דערװײַזן, אַז דאָס גלײַכבאַרעכטיגונג עקזיסטירט. װען זײ װאָלטן נאָר פּשוט געזאָגט: „יידן האָבן ניט װאָס צו פֿאָדערן און האָבן ניט װאָס צו װאַרטן", — װאָלטן זײ בײַם פֿאָלק פֿאַרדינט דעם גרעסטן פּאָפּולאַריטעט.

קאָן: זייער גוט, דאָס װאָלט לפּחות געװען קלאָר און דײַטליך, און דאָס איז שטענדיג בעסער פֿון פֿאַרמאַסקירטקײַט און אומבאַװאוסטקײַט.

קילגאָלט: (שאָקלט בעדױערנד מיטן קאָפּ) װײסט איר, מען רעכנט אײַער פֿאָלק פֿאַרן קליגסטן, נאָר אַלץ װאָס איר געװינט מיטן שכל, פֿאַרלירט איר מיט אײַערע עקשנות. אַ ביסעלע דיפּלאָמאַטיע...

קאָן: (שלאָגט איבער אױפֿגערעגט) איך צװײפֿל צי איז פּאַסיג דיפּלאָמאַטיע דאָרט, װאו איך דאַרף פֿאָדערן מײַנע רעכט.

קילגאָלט: אײַערע רעכט, אײַערע רעכט!... נישטאָ קײן רעכט אױף צו זײַן אַ פּראָפֿעסאָר פֿאַר קײנעם, הן פֿאַר יידן, הן פֿאַר קריסטן. דאָס איז אַ טיטול, װעלכער קען געגעבן װערן אָדער ניט, דורך אַ אײגענעם קרײַז אױסדערװײלטע מענטשן. דערבײַ קענען, פֿאַר־

שטייט זיך, פֿאַרקומען טעותן און מיספֿאַרשטענדענישן, ווײַל מיר זײַנען אויך בלויז זינדיגע מענטשן. פֿאַר אונזערע טעותן זײַנען מיר מאָראַליש פֿאַראַנטוואָרטליך פֿאַרן געגנוואַרטיגן, ווי אויך פֿאַרן קומענדיגן דור, אָבער פֿאָדערן אַזעלכע רעכט קאָן קיינער נישט.

קאָן: אויסגעצייכנט, הער רעקטאָר. יאָ, אויף אײַער ניט אָפּגעהאַרציגקייט קען איך זיך לחלוטין ניט באַקלאָגן.

קילגאָלט: (קלאַפּט אים גוטמוטיג איבערן פּלייצע) זעט איר, — איר זײַט מסתמא איבערצײַגט, אַז איך בין אויך אַ פֿאַרביסענער אַנטיסעמיט. איר זײַט פֿאַרביטערט און דעריבער זײַט איר אויך ניט אָביעקטיוו. ווען איר וואָלט זיך אָבער ווען צוקוקן, וואָלט איר געזעהן, אַז גראָד צוליב אײַך און נאָך אַזעלכע ווי איר האָב איך זיך צוקריגט כמעט מיט אַלע מײַנע קאָלעגן. איך דערצייל עס אײַך נאָר אויס פערזענלכע פֿרײַנדשאַפֿט צו אײַך. אײַער צווייטער פּרוב איז געווען אַ פֿעלער. אויב איר וועט ווײַטער טאָן אַזוי, — וועט ניט טויגן. אויב איר וועט זיך שטעלן אין אַ פּאָזע פֿון אַ קעמפֿער און וועט אויסערגעוויינליך קעמפֿן פֿאַר גערעכטיקייט, וועט איר טאָן דעם גרעסטן פֿעלער. איך האָלט וועלן איבערצײַגן אין דעם אַלע אײַערע. זיי פֿירן זיך אויף אַזוי, ווי די וואָלטן ווירקליך האָבן רעכט צו פֿאָדערן עפּעס. סוף כּל סוף איז אײַער גלײַכבאַרעכטיגונג ניט קיין ערוואָרבענע מיטן שווערד און איז אויך ניט קיין קעגנזײַטיגער אָפּמאַך. מיטן גוטן ווילן האָבן מיר עס אײַך געגעבן אַלס מתנה, נו, און די גרויס פֿון אַ מתנה איז לחלוטין אָפּהיינגיג פֿון געבער.

קאָן: אָט אין דעם שטעקט דאָך דאָס טראַגישע ניט פֿאַרשטיין צווישן דעם צווייטן: מיר מיינען, אַז אַלס מענטשן האָבן מיר רעכט צו פֿאָדערן מענטשליכע רעכט און איר זײַט איבערצײַגט, אַז איר טוט אַ גרויסע טובֿה אָנערקענענדיג יידן פֿאַר מענטשן. אײַער נישט אַרויסגעזאָגטער געדאַנק איז, אייגענטליך, אַזאַ: „אַ ייד איז פֿון דער נאַטור ניט באַשיינקט מיט מענטשליכע רעכט און דעריבער באַקומט ער זיי נאָר דאַן, ווען אײַער גוטן ווילן פֿאַרגלוסט זיך עס“. יאָ, אַזוי לאַנג ווי די בעסטע און ערליכסטע קריסטן וועלן אַזוי דיינקען, וועט שטענדיג צווישן אונז ליגן אַ תהום.

קילגאָלט: אַלץ ווילט איר זאָל זײַן לויט געאָמעטרישע געזעצן, מײַן גוטער קאָן: אַלץ מיט אַ גלײַכע ליניע און אונטער אַ גראַדן ווינקל...

קונסט און לעבן זײַנען נישט אַזוי גלײַך ווי מאַטעמאַטיק און איבער די תהומען, וועלכע זיידען אים אַזוי שרעקליך, זײַנען דאָ בריקן. איך בין דערצו אַ לעבעדיקער בײַשפּיל. איך וויל און האָף, אַז איר וועט אויך געפֿינען דעם בריק... איר דאַרפֿט זיך נישט עקשנען. זײַט צופֿרידן מיט אײַער גרויסן פּריז און אַז איר וועט באַקומען אַ אײַנלאַדונג פֿון אַן אַנדער אוניווערסיטעט, וועט איר אונזערע פּראָפֿעסאָרן און סענאַט־חכמים באַווײַזן אַ גרויסן נאָז...

(אין זאַל פֿאַנגט אָן מוזיק. אין דער לינקער גרופּע אַ באַוועגונג. קאַרל מיט מאַריען אָפּ אין זאַל. עמאַ, מאָזער, כריסטינאַ — צום בופֿעט. ציטעל גייט צו קילגאָלטן).

קאָן: ענטשולדיקט, הער רעקטאָר, איך בין פֿאַרנומען אין דעם טאַנץ.

קילגאָלט: זייער שיין, מײַן גוטער קאָן. זײַט יונג, געניסט פֿון לעבן — דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט פֿון וויסנשאַפֿט. (אָפּ מיט ציטעלן אין טאַנץ־זאַל).

9־ער אויפֿטריט

קאָן: (צו כריסטינען, פֿערנייגט) פֿרײַלן...

כריסטינאַ: (נעמט אים אונטערן האַנט) אַך, יאָ, הער דאָקטאָר.

קאָן: (גיט איר אַ צייכן זי זאָל דורכלאָזן די עלטערן, וועלכע גייען אין דער מיטלשטער טיר. שנעל) מײַן האָפֿנונג איז געווען אומזיסט. דער רעקטאָר האָט מיר ערקלערט, אַז מען האָט מיר לחלוטין אָפּגעזאָגט פֿון פּראָפֿעסורע.

כריסטינאַ: נאָר צוליב דעם אַנטזאָגט איר זיך דאָך נישט פֿון אײַערע אויסזיכטן בכלל?...

קאָן: קען איך האָפֿן אויף אײַער שטיצע, כריסטינאַ?

כריסטינאַ (שטאַרק) אומבאַדינגט.

קאָן: וועט איר כח האָבן צו בײַשטיין קעגן אַלע אײַנרײַדענישן און צווינגערײַען?

כריסטינאַ אַפֿילו קעגן גידהנים אַליין!...

קאָן: זײַט איר מסכים צו שיידן זיך מיט אײַערע לײַדן, נײַט, פֿערפֿאָלגונג?

כריסטינאַ: מיט אײַך — אַלץ.

קאָן: אויב אַזוי וועל איך מאָרגן אָנהייבן מײַן מאַרש... מײַן שטאָקהאָלמער פּריז גיט מיר רעכט אויף אַ טיטול, נאָר דער עיקר איז

בײַ מיר מײַן ליבע. כריסטינע! פֿון איצט ביסטו מײַן כּלה פֿאַר אונזער בײדנס געוויסן. מײַן גאַנץ לעבן, ביזן זיג, וועט קײן אַנדער צוועק ניט האָבן אויסער דיך צו ערוואָרבן. מײַן פֿאָלקס־לעגענדע לערנט צו דינען פֿאַר דער געליבטער זיבן יאָר, און אויב מען דאַרף איז — פֿערצן אויך.

כריסטינאַ: און איך, אַלס דײַטשקע, וועל דיר טרײַ זײַן זיבן יאָר, און אויב מען דאַרף איז זיבן מאָל זיבן יאָר.

קאָן: נו, און איצט קום ליבע, טײַערע, אײנציגע! קום טאַנצן ווי צוויי גליקלעכע קענען טאַנצן...

כריסטינאַ: יאָ, ווי צוויי גליקלעכע. (גײען געאַרמט צום טאַנץ־זאַל און בלײַבן פֿון דער זײַט).

10־ער אויפֿטריט

(עמאַ גייט אַרײַן, נאָך איר — קאַרל).

קאַרל: (שאַרף) כריסטינאַ, וואו ביסטו?

קאָן: (הויבט אויף דעם קאָפּ) מיט מיר, הער לייטענאַנט.

כריסטינאַ: (שנעל) איך גיי.

קאַרל: (שטאַרקער) איך זע עס און דעריבער...

עמאַ: (גייט שנעל צו קאַרלען, נעמט אים אונטערן האַנט) קאַרל, כאַרי וואַרט!

קאַרל: גלײַך, מאַמאַ.

(כריסטינאַ גייט מיט קאָנען געאַרמט אין טאַנץ־זאַל. גייענדיג פֿאַרבײַ קאַרלען קוקן זיי אײנער דעם צווייטן מיט פֿאַרבאָרגענע בייזקייט).

פֿאָרהאַנג.

צווייטער אקט.

א רייכער שרייב צימער. אין הינטער גרונט גלעזערנע טירן צו א טעראַסע, מיט פּאַרענצן. טרעפּ אין גאָרטן צווישן די טירן הייננט א בילד פון פרוי מאזער, רעכטס א טיר. פון ביידע זייטן פּאַרדראַפּירטע פיגורן א גלעזער־נער אלמער מיט רעליקוויען: מונדיר, אייזערנער קרייץ א. ז. וו. אויף אמאלבערט א בילד פון א 6 יאריגע קינד מיט א קוקלע אין האנט. לינקס פון פאַרנט א טיר. ארום — אלמערס מיט ביכער, ביוסטן פון בראָנזע. א גרויסער שרייב טיש מיט אלע מכשירים. אויפן טיש א הענטל און א פּיסל פון בראָנזע—ארום—שטולן. א גלעקעלע. עטאַזערקעס מיט בילדער גראַווירן.

1־ער אויפטריט

(מאָזער בײַם שרײַב־טיש. ווילהעלם, אַ עלטערער דינער אין אַ צע ליווריע און ווײַסן האַלזטוך).

מאָזער: הייסט עס, מײַן זונעלע איז אײַך ווידער אַ בעל־חוב?

ווילהעלם: (שמייכלט) אַזוי איז עס, הער געהיים־ראַט. סוף כּל סוף איז שוין טאַקע צײַט.

מאָזער: איר זײַט גערעכט. מײַן זון ווײס דעם סדר אויסגעצייכנט; אין דעם זין פֿאַרדינט ער נאָכפֿאָלגונג... יעדן ערשטן — דעם פּאַטערס חודשדיגע שכירות: צווישן 16 און 17 — קומט דער מוטערס הוספה. בײַ איר בעט ער שטענדיג 200 מאַרק און איז צופֿרידן, אַז זי גיט אים הונדערט, אַבי דער טאַטע זאָל ניט וויסן... 21־טן אָדער 22־טן אַ הלואה בײַ אײַך... דאָס אַלץ ווערט געטאָן מיט אַ שטרייננן סדר: עס האָט נאָך ניט געטראָפֿן ער זאָל אַמאָל אַ טעות האָבן אויף אַ טאָג. (בײַ די גלעזערנע טיר ווײַזט זיך פֿון צײַט צו צײַט קריסטינאַ אין אַ שטרייענהיט מיט ברייטע ברעגעס. זי שמייכלט צום פֿאָטער, ער ענטפֿערט איר און זי פֿאַרשווינדט ווידער) וויפֿיל האָט ער בײַ אײַך גענומען?

ווילהעלם: די שטענדיג — צוואַנציג מאַרק.

מאָזער: (גיט אַ מטבע) נאַט אײַך, נאָר להבא זאָלט איר אים ניט לײַען ביז דעם 25-טן.

ווילהעלם: גוט. ס'הייסט אָפּציהען דרײַ-פיר טעג?

מאָזער: יאָ. איך בעגרײַף ניט ווי קלינגט ער זיך דאָס אויס... אין מײַנע צײַטן, אַז אַ סטודענט פלעגט באַקומען 600 מאַרק האָט מען אויף אים געקוקט מיט חשד. איך בין נאָך, אייגענטליך, ניט אַזאַ זקן, הייסט עס, אַז דאָס איז געווען ניט אַזוי לאַנג.

ווילהעלם: הער ערנסט איז אָבער אַ מיטגליד פון דער בעסטער קאָרפּאָראַציע בײַם אוניווערזיטעט, און דאָס קאָסט, דאָס בעדאַרף קאָסטן....

מאָזער: יאָ, יאָ, נאָר מער ווי 400 מאַרק אַ חודש איז שוין צופיל. שעמט ער זיך גאָר ניט פאַר אײַך? ער איז אײַך נאָרניט מבטיח, כאָטש צוליב העפליכקײַט, אַז ער וועט אײַך דעם חוב באַצאָלן?

ווילהעלם: ניין, הער געהיים-ראַט, דאָס טרעפט מיט אים ניט. ווען איך זאָג אים אַמאָל, אַז איר האָט מיר פאַרבאָטן...

מאָזער: געוויס...

ווילהעלם: לאַכט ער: „זײַט רוהיג, זאָגט ער, ווילהעלם, אײַער געלט איז אין זיכערע הענט, איך וועט אַלץ אומגעקערט ווערן".

מאָזער: יאָ, יאָ... אַ לעב-יינגל!...

(כריסטינע גייט אַרײַן פון לינקער גלעזערנער טיר און בלײַבט דאָרט שטיין).

מאָזער: וואָס איז דיר, קינד מײַנס? שוין דרײַ מאָל אַז דו באַווײַזט דײַן קעפּעלע...

כריסטינאַ: איך האָב זיך געוואָלט דערוויסן, ליבינקער, צי ביסטו דאָ אַליין.

מאָזער: געוויס אַליין. (ער גיט אַ צייכן ווילהעלמען, וועלכער גייט אָפּ אין רעכטער טיר).

?-ער אויפטריט

(כריסטינאַ גייט לאַנגזאַם צו מאָזערן, וועלכער ציט איר צו זיך, קושט זי און צערטעלט איר דעם קאָפּ).

מאָזער: ווילסט עפּעס, מײַן קעצעלע? טו מיר אַ פערגעניגן און בעט וואָס דו ווילסט. (כריסטינאַ דרייט מיטן קאָפּ. אין פערלעגענהייט פאַלט זי אויף די קני און באַהאַלט דעם פּנים בײַם פאָטער אין די הענט).

מאָזער: נו, נו, כריסטינאַ, וואָס בעדײַט עס? דו רייטעלסט זיך, ביסט

אין פֿערלעגענהייט... האָסט מסתּמא געשטיפֿט, עפּעס אַ שפּיצל אָפּגעטאָן, ווילסט פֿאַרצייַאונג בעטן?

כריסטינאַ: ווערסט מיר ערלויבן? קען איך?

מאָזער: ערלויבן? וואָס?

כריסטינאַ: עפּעס זאָגן, פֿאָטער.

מאָזער: קענסט, מיַין קינד, ווי דען, דו מוזט, בּיזט מחויב. שטיי אויף און לייג אַרויס אַלץ, וואָס דו טראָגסט אויפֿן האַרצן (הויבּט איר אויף, זעצט אַוועק אויף די קני) נו, וואָס ווילסטו?

כריסטינאַ: (אַראָפּלאָזענדיג די אויגן) פֿאָטער, צו דיר וועט קומען... בּיַי דיר וועט זיַין אַ גאַסט.

מאָזער: (אויפֿמערקזאַם) אַזוי? ווער איז עס, אַזוינס?

כריסטינאַ: (נאָך אַ פֿערלעגענהייט ענטשלאָסן) דאָקטאָר קאָן.

מאָזער: (ערשיטערט) וואָס... דאָקטאָר קאָן? נאָר... ניט צוליב דעם, כּדי... איך האָף, אַז זיַין בּעזוך איז ניט צוליב דעם...

כריסטינאַ: (שטיל, ענטשלאָסן) יאָ, צוליב דעם, פֿאָטער...

מאָזער: (קוקט אויף איר אַ לייַנגערע צייַט, שטעלט איר אַוועק און הייבּט אָן אומגיין איבּערן צימער. כריסטינאַ בלייַבּט אויפֿן אָרט) הם... און דוכט זיך, מיט דיַין הסכּם?

כריסטינאַ: יאָ, פֿאָטער: אַנדערש וואָלט איך ניט גערעדט וועגן דעם.

מאָזער: הם... יאָ יאָ... דאָקטאָר קאָן... הם... יאָ... קינד מיַינע, האַר־ציגע, ווייסטו וואָס דו מוזסט?

כריסטינאַ: יאָ, פֿאָטער. איך מיין אַז איך ווייס.

מאָזער. דאָס איז אונמעגליך. צי דען מיינסטו עס טאַקע ערנסט?

כריסטינאַ: (לויפֿט צום פֿאָטער, האַלזט אים) נאָך מער ווי ערנסט.

מאָזער: (קושט איר און זעצט זיך מיט איר בּיַים שריַיב־טיש, איפֿגערעגט). מיַין טיַיער קינד דו ערבּיטערסט מיך... דעם ערשטן מאָל אין לעבּן פֿאַרשאַפֿסטו מיר גרים עגמת נפֿש...

כריסטינאַ: אַך, פֿאָטער, ווי מיר ווילט זיך ניט פֿאַרשאַפֿן דיר קיין עגמת נפֿש: נאָר פֿאַרוואָס ערבּיטערט עס דיך? דוכט זיך, דאָקטאָר קאָן....

מאָזער: (שמייכלט, רעדט ווי צו זיך) דאָקטאָר קאָן אָדער אַן אַנדע־רער... דאָס איז בּכלל אַ קאָמפּליצירטע געשיכטע... ניט יע־דער איז עס בּיכולת צו פֿאַרשטיין ווי געהעריג. קודם כּל דאַרף

מען אַליין זיך קלאָר מאַכן, פֿאַרוואָס דאָס האַרץ ווערט צוריסן אויף שטיקער (כריסטינא כאַפּט זײַן האַנט און קושט) און דאַן אפֿשר וועסטו פֿאַרשטיין אַז דו האָסט קיין רעכט ניט צו זײַן אומצופֿרידן. וועגן דעם טראַכט זיך ניט, עס שרעקט, עס ווילט זיך ניט טראַכטן פֿון דעם, וואָס דײַן קינד וואַקסט, ווערט אַ דערוואַקסן מיידל, וויל חתונה האָבן... ביז איצט ביסטו געווען מײַן עופּעלע, מײַן בלימעלע, מײַן טײַערע פֿייגעלע... פֿאַר מיר ביסטו עד היום געבליבן אַ קליין מיידעלע אין אַ ראָזע קליידעלע ווי דו ביסט דאָ אויסגעמאָלט (ער ווײַזט דעם מאַלבערט) מיט אַ קוקלע אין די הענט... דאָס בילד שטייט מיר שטענדיג פֿאַר די אויגן; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דו ביסט נאָך אַלץ אַזאַ ביז איצט... און מיט אַמאָל קומסטו אַ אויפֿגערעגטע און הופּסט אָן אַ פֿרעמדן נאָמען און אַזוי אַרום וועקסטו מיך אויף פֿון מײַן זיסן שלאָף... הייסט עס, איך דאַרף וויסן, אַז דו ביסט שוין נישט מער קיין קינד, אַז דו געהערסט שוין נישט מיר, אַז דו רײַסט זיך פֿון דאַנען... די אַלטע... זאָלן די אַלטע בלײַבן וואו זיי ווילן, הגם אַפֿילו זייערע הערצער ווערן פֿון צער אויף שטיקער צוריסן. (כריסטינא פֿאַלט צו צום פֿאָטער, וועלכער צערטלט זי) דאָס איז אַלץ נאַרישקײַטן, וואָס דײַן אַלטער פֿאָטער רעדט... דיר איז צוואַנציג יאָר און אַזוי איז דער סדר העולם. מיר קענען עס ניט איבערמאַכן, און אַפֿילו מיר זאָלן קענען — טאָרן מיר עס ניט. (גייט אום איבער צימער) איך פֿאַרשטיי עס אויסגעצייכנט און דאָך וועל איך זײַן ברוגז אויף יעדן יונגן מענש, וועלכער וועט וועלן אַוועקנעמען בײַ מיר מײַן שאַץ. אָבער דאָס איז עגאָאיסטיש; איך קאָן נישט באַרעכטיגן אַזאַ ווילן... דערויף ערציהען מיר אײַך. איר זײַט די שטראַלן, וועלכע באַלויכטן אונזער הויז; קומט ווער און נעמט אײַך צו — ווערט אין שטוב חושך און איינזאַם. (ווענדט אָפּ זײַן טרויעריג געזיכט) יאָ, יאָ — אַנדערש קען ניט זײַן... זאָל עס אָבער, לפּחות, דײַן גליק זײַן, וואָרום אויב דאָס אויך ניט...

כריסטינא: (גייט צום פֿאָטער און צערטלט אים) פֿאָטער, דו ווייסט גאָרניט ווי שווער מיר איז פֿון דײַנע ווערטער. זאָל איך ליבער טויזנט מאָל שטאַרבן, איידער דיר שלעכטס פֿאַרשאַפֿן. נאָר איך ווייס זייער גוט, אַז דאָס וואָס דו זאָגסט קען ניט זײַן, איך פֿאַרזיכער דיך, אַז איך ליב דיך ניט ווייניגער פֿון יענער צײַט

אָן, זינט.... כ'איז אַ גאַנץ אַנדערע זאַך... און ווען איך זאָל אַפילו לעבן הונדערט יאָר...

מאָזער: (פון גאַנצן האַרצן) הלואי, ליבער גאָט.

כריסטינאַ: און הונדערט יאָר זײַן פאַרהייראַטעט, וועל איך דיך אַלײן ליבן ניט ווייניגער ווי איצט.

מאָזער: יאָ, עס רעדט זיך נאָר אַזוי, אָבער, באמת, איז אומפאַרמײַדלעך אַן אָבגעזונדערטקייט, נו, געננג. ווי איך האָב שוין געזאָגט: מען דאַרף באַזיגן די עגאָאיסטישע געפילן; דער עיקר — דײַן גליק זאָל זײַן אַ פעסטער, אָדער, לפחות, אַ ממשותדיגער...

כריסטינאַ: אָ, פאָטער, זײַ רוהיג, מײַן גליק איז געזיכערט.

מאָזער: (זעצט זיך מיט איר ווידער צום טיש) אין דעם זין בין איך ניט גאָר רוהיג און איך מיין אַז דו וועסט לסוף אַליין באַמערקן דײַן טעות (כריסטינאַ דרייט מיטן קאָפּ) ווען דו, מײַן ליב קינד, וואָלסט פאַרשטאַנען דעם טעות, וואָלסטו עס זיכער ניט געטאָן. דאָקטאָר קאָן איז אַזוי צוגעגאַנגען צו דיר....

כריסטינאַ: (באַליידיגט) פאָטער....

מאָזער: (דריקט איר די האַנט) ער איז אַ געשיקטער טענצער.

כריסטינאַ: (לעבהאַפט) ניין, פאָטער, צוליב מיר האָט ער זיך ערשט אָנגעהויבן לערנען טאַנצן.

מאָזער. אַזוי? דאָס איז געשיקט! דו, געוויינליך טײַטשט עס אוים אַלס אַ קרבן, אַלס אַ העלדישקייט...

כריסטינאַ: ניין, איך וויל נאָר זאָגן, אַז ניט מיטן טאַנצן האָט ער מיך געוואונען.

מאָזער: האָסטו זיך, מסתמא, בעגײַסטערט מיט זײַנע אָראַטאָרישע פײַאיגקייטן. ער פלוידערט ווירקליך קלוג און אינטערעסאַנט... און אַזוי ווי ער איז געווען דײַן ערשטער פאַרעהרער...

כריסטינאַ: (אין פערלעגענהייט) האָסט אַ טעות, פאָטער. ס'זײַנען אויך אַנדערע געווען, אָבער גאָרנישט דאָס...

מאָזער: נו, גוט, איך וועל מיך מיט דיר ניט שפּאָרן איבער דעם; מעגליך, אַז ער האָט געקענט מאַכן אויף דיר אַ גרעסערן אײַנדרוק ווי אַנדערע, אָבער יונגע מיידלאַך האָבן אָפט אַ טעות גראָד צוליב אָט דעם ערשטן אײַנדרוק, גאַנץ נאַטירליך העלפּען זיי דעם ערשטן אײַנדרוק פאַרן שטאַרקסטן און דויערנדסטן; אָבער לסוף גייט עס כמעט שטענדיג הרך.

מ״צ

כריסטינאַ: (שטיל. זיפער) כמעט שטענדיג, אָבער ניט שטענדיג. דאָס מאָל, ביי דעם פאַל — געווים ניט.

מאָזער: דאָס פעסט זאָגן וועסטו קענען ערשט נאָך אַ לייננערע ערפאַ־רונג. די ערפאַרונג וועסטו מוזן דורכמאַכן, דו ביסט עס מחויב צו טאָן אין נאָמען פון דיין גליק, פאַר וועלכן מיר זיינען פאַר־אַנטוואָרטליך.

כריסטינאַ: מיר דוכט, פאָטער, אַז יעדער מענש שמידט זעלבסט זיין איי־גענעם גליק.

מאָזער: ווען דו, מיין שאַץ, ביסט אַ קליינינקע געווען, האָבן מיר נישט געלאָזן דו זאָלסט מיט די הענטלאַך כאַפן פייער, אָדער דו זאָלסט שפילן מיט אַ מעסער. דו האָסט געוויינט, מיר האָבן דיך געקושט, אָבער ניט נאָכגעגעבן און מיר זיינען געווען גע־רעכט. ניט אמת?

דער איינציגער פעלער, וועלכן מיר האָבן בעגאַנגען איז דאָס, וואָס מיר האָבן דערלאָזן דו זאָלסט זיך אַזוי דערנעהענטערן צו דאָקטאָר קאָן. מיר האָבן געזעהן, אַז די גאַנצע צייט פון אונ־זער באַזוכן קילגאָלטן האָט ער ניט אָפּגעטראָטן פון דיר. איך בין ניט ערגער און ניט נאַרישער פון אַנדערע, אַפּשטאַ, ווען עס האַנדלט זיך וועגן מיין ליבע טאָכטער — דאַן בין איך אפשר קליגער און ווייטזיכטיגער פון אַנדערע. נאָר איך בין געווען איבערצייגט, אַז צווישן אייך זיינען קיינע ערנסטע זאַכן ניט געשעהן. איך האָב אים גערעכנט ניט פאַר אַזאַ ווי אַלע. ער איז אַן אָנשטענדיגער, ערנסטער מענש און [illegible] פאַר אַן אויסערגעוויינליך געלערנטן. איך בין זאָגאַר צופרידן געווען פון אייערע שמועסן, וועלכע זיינען, אָן ספק, געווען אינטע־רעסאַנטער און אינהאַלטסרייכער ווי די אַלע באַנאַלע שמועסן פון אונזערע העלדישע סטודענטלאַך. נאָר ס׳איז מיר גאָרניט איינגעפאַלן, אַז ער וועט וואַגן מאַכן דיר אַזאַ פאָרשלאָג. זיין נאָמען אַליין איז געווען פאַר מיר אַ געוויסע גאַראַנטיע קעגן אַזאַ דרייסטקייט.

כריסטינאַ: פאָטער! אַ נאָמען פון אַ מענש איז דאָך נאָר אַ אויסערליכע, אַ זייטיגע זאַך; ניט מען זעט און ניט מען שפירט אַ נאָמען, בשעת מען איז צוזאַמען מיט אַ מענשן.

מאָזער: אַ נאָמען איז קענטיג און לאָזט זיך פילן אומעטום. ניין, כריס־טינאַ, דאָס קען ניט זיין, דו קענסט דאָך ניט אָנגערופן ווערן פרוי קאָן?!

כריסטינאַ: פֿאַרוואָס, פֿאָטער?

מאָזער: ווייסטו וואָס דאָס בעדייט?...

כריסטינאַ: (שטאַרק) יאָ, פֿאָטער, איך ווייס עס. ווער זשע זאָל עס
ווייסן, אויב ניט איך? יאָ, די ערשטע צייט פֿון אונזער באַקאַנט־
שאַפֿט האָט עס מיך אויך אַ ביסל שאָקירט, און מאַריאַ פֿלעגט
מיך רייצן, איבערהויפּט די לעצטע צייט... נאָר איך האָב נע־
טראַכט וועגן דעם און געפֿונען אַז איך טאָר זיך נישט אונ־
טערגעבן דעם נאַרישן פֿאָראורטייל (נאָך אַ קליין פּויזע)
פֿאָטער, מיר האָבן ביידע מורא צו אויסריידן דאָס געהעריגע
וואָרט און דעריבער דרייען מיר זיך אַרום און אַרום, מיר שטערט
לחלוטין ניט דאָס, וואָס דאָקטאָר קאָן איז אַ ייד. איך האָב זיך
דערמאָנט, אַז איך בין אויך, אייגענטליך, אַ יידיש קינד. פֿריער
האָב איך פֿון דעם ניט געטראַכט, נאָר איצט ווייס איך עס...
איך ווייס עס פֿון דאַמאָלסט אָן, ווען דאָקטאָר קאָן...

מאָזער: (אויפֿגערעגט, צוערשט שוואַך און ווייטער אַלץ שטאַרקער)
דאָס האָט דאָקטאָר קאָן דיר איינגערעדט אין קאָפּ, נאָר ס'איז
שקר. ער האָט קיין שום רעכט ניט געהאַט אַזוי צו באַגיין זיך
מיט דיר. ביי איך איז גאָרנישט ניטאָ קיין געמיינזאַמעס...
דו ביסט אַ דייטשקע און אַ קריסטין.
ניט צוליב דעם האָב איך זיך אַרויסגעריסן פֿון געטאָ אויף
דער פֿרייער וועלט, אַז דאָס טייערסטע וואָס איך פֿאַרמאָג — מיין
טאָכטער — זאָל ווידער אַריינגעשלעפּט ווערן אין דער קראַנקער
געטאָ־אַטמאָספֿער דורך אַ יידן, וועלכער זוכט נדן...

כריסטינאַ: דאָס איז אַ באַליידיגונג, וועלכע דאָקטאָר קאָן האָט ניט פֿאַר־
דינט. געהערן אים הייסט ניט אָטעמען מיט שעדליכע לופֿט;
און אַז ער יאָגט זיך ניט נאָך נדן — אין דעם וועט ער דיך
איבערצייגן.

מאָזער: דו מוזט אָבער מודה זיין, אַז זיין אויסוויל איז זייער אַ געשיק־
טער...

כריסטינאַ: ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט איך קען אורטיילן אַזאַ זאַך, נאָר
איך בין איבערצייגט, אַז ער וואָלט מיך אויסדערוויילט, ווען
איך וואָלט אַפֿילו אָרים געווען. מיך פֿרייט, וואָס איך בין ניט
קיין אָרימע, ווייל ס'איז דייער אָנגענעם צו שפּירן, אַז דו קענסט
פֿאַרשיידנאַרטיג שאַפֿן גליק פֿאַרן געליבטן, אַז ניט נאָר דו
באַשיינסט, נאָר אויך די פֿאַרגרינגערסט זיין לעבן.

מאָזער: כריסטינאַ, דאָס גאַנצע לעבן האָב איך דיך פֿון אַלץ ניט גע־

לאָזן און אַזאַ האָב איך דיך קיינמאָל ניט געזעהן. וואָס האָסטו עס בעהאַלטן אַזאַ ענטשלאָסענקייט צו ווידערשטאַנד? (כֿריסטינאַ קושט זײַן האַנט) און דאָך מוז איך בלײַבן בײַ מײַניגע: ס׳איז אונמעגליך דו זאָלסט ווערן פֿרוי קאָן: (שפּרײַזט איבערן צימער) ס׳איז אונמעגליך! האָסטו דען אַ טראַכט געטאָן פֿון דעם, אַז דאָס גאַנצע לעבן וועסטו דאַרפֿן זײַן אָפּגעריסן פֿון אונזער קרײַז, אַ פֿערפֿאָלגטע, אַ פֿעראַכטעטע?

כֿריסטינאַ: ווען קיין זאַך, פֿאָטער, האָב איך נישט געטראַכט, ווען עס זאָל אַפֿילו קומען דערצו, וועל איך עס מיט פֿרייד איבער־טראָגן. סוף כּל סוף בין איך מיט דער וועלט ניט אַזוי שטאַרק פֿאַרבונדן, און אַז ער וועט ווערן מײַן מאַן, וועל איך באַקומען אַ גענוגע באַפֿרידיגונג.

מאָזער: (שאַרף) קינד, דאָס וועט ניט זײַן.

כֿריסטינאַ: (שטאַרק מיט אַ פֿאַרשטיקטן קול) פֿאָטער, דאָס וועט זײַן. אויב ניט איז מיר דאָס לעבן ניט ניחא, דאַן וויל איך נישט לעבן.

מאָזער: וועסט שווײַגן, דו שלעכט קינד?

כֿריסטינאַ: ווען איך בין מחויב צו ריידן, טאָר איך ניט שווײַגן.

מאָזער: דו ווילסט זיך נעמען דאָס לעבן און רעדסט פֿון דעם אַזוי לײַכט, ווי קיין זאַך וואָלט מיט דעם ניט געווען פֿאַרבונדן.

כֿריסטינאַ: דיר, פֿאָטער, מוז איך דערציילן דעם אמת, דו דאַרפֿסט וויסן, וואָס מיט מיר טוט זיך. איך וועל קעגן דײַן ווילן קיין זאַך ניט טאָן, איך וועל דיך פֿאָלגן, נאָר מײַן האַרץ וועט זײַן אַ צושלאָגענע (וויינט).

מאָזער: ס׳פֿאַרשטייט זיך, ווען דו נעמסט אָן אַזעלכע מיטלען, מוז איך מסכּים זײַן, מוז איך גיין אויף הנחות. קענן אַזעלכע גוואַלד־טהאַטן בין איך אונבאַוואָפֿנט.

כֿריסטינאַ: (מיט ווייטאָג) גוואַלד־טהאַטן!... אָ, פֿאָטער!

מאָזער: דאָס איז אַ גלײַך ווערטל... אַ גלײַך ווערטל, וועלכן איך האָב זיך ערלויבט מיט אַ שווער געמיט. מילא, דאָס איז אויך אַן אמת, וועלכן איך האָב דיר באַדאַרפֿט אַרויסזאָגן. (אומרייענדיג אי־בערן צימער, ווי פֿאַר זיך) אין דער גאַנצער געשיכטע מיט קאָגען האָסטו געטראַכט נאָר וועגן זיך. וואָס דאָס קען קאָסטן עמיצן פֿון אונז — האָסטו דיך נישט געפֿרעגט... דאָס וואָס

איך ליב דיך ווי אַ שוואַרץ־אַפּעל פֿון אויג — פֿאַרפֿליכטעט דיך צו גאָרנישט. (שטעלט זיך אָפּ קעגן איר) ווייסטו דען וואָס אַזוינס דו ביסט פֿאַר מיר? ווען דו ביסט נאָך געווען אַ קליינינקער, הילפֿלאָזער ווערימל, האָב איך דיך אַזוי ליב געהאַט, אַזוי ליב געהאַט, אַז יעדע מינוט פֿון דיין לעבן האָב איך געוואָלט ליינגער פֿאַרהאַלטן, זי זאָל מיר גליק געבן. איך האָב געוואָלט די צייט אָפּשטעלן!... יעדן פֿערטל יאָר האָב איך בילדער פֿון דיר אַראָפּגענומען. (נעמט פֿון טיש די בראָנזענע הענטל) איך האָב געלאָזן אויסגיסן פֿון בראָנזע דיינע קליינטשקע קינדערישע הענטלאַך. איך קען מיר קיינמאָל ניט שיינקען, וואָס איך האָב ניט באַוויזן צו פֿאַרשרייבן אין פֿאָנאָגראַף דיין ערשטן קינדער־פּלאַפּל, כּדי איך זאָל שטענדיק קענען הערן דיין קינדערישע שטים. צייטנווייז האָב איך געוואָלט זעהן דיך אַ דערוואַקסענע און אָפֿט האָב איך מורא געהאַט, אַז דאָס וועט צו־גיך געשעהן און האָב געוואָלט דו זאָלסט אויף שטענדיק בלייבן אַ קליינינקע.

אַז אַמאָל האָט דיך די ניאַניע אַרויסגעלאָזן פֿון האַנט און מיט אַ בייל אויפֿן שטערן ביסטו דערנאָך אין בעט געלעגן און געקרעכצט, האָב איך געטראַכט, אַז ניט איין מאָל וועט דיר נאָך אויסקומען צו קרעכצן אין לעבן און צי איז ניט גלייכער איך זאָל עס בעסער ניט דערלעבן צו זעהן... און באַלד נאָך דעם האָב איך זיך אַליין געפֿרעגט: אפֿשר איז גלייכער איך זאָל עס דווקא זעהן און העלפֿן מיין קינד מיטליידן... פֿאַרשטייסט דו עס מיך? איך ווייס, אַז אויב איך פֿאָלג דיך, שטייען דיר פֿאָר שווערע טעג, און דו מיינסט, אַז אויב איך וועל ניט טאָן ווי דו ווילסט, וועל איך דיר פֿאַרשאַפֿן יסורים.

כּריסטינאַ: יאָ, פֿאָטער, איך בין איבערצייגט אין דעם.

מאָזער: אַזוי שלעכט און אַזוי שלעכט. וואָס זשע זאָל איך טאָן? די האַרץ ווערט מיר צוריסן פֿאַר מורא, אויב איך וועל דיר ח״ו שלעכטס טאָן, און ראַטעווען דיך פֿון דעם, האָב איך, לײַדער, נים קיין קרעפֿטן... נו, אויב אַזוי, אויב דו קענסט זיך ניט באַזיגן און קענסט עס ניט באַצייטיגן, דאַן וועל איך דיר העלפֿן ווי ווייט איך וועל קענען.

כּריסטינאַ: (נעמט אַרום און קושט דעם פֿאָטער) אָ, פֿאָטערל, האַרציגער!

מאָזער: (קושט איר און לעדיגט אָפּ כּלומרשט פֿון זיך) יאָ, מיך קענסטו

גיך אײַנרײדן, ס'איז ניט שווער... צי האָסטו אָבער גערעדט מיט דער מוטער?

כֿריסטינאַ: ניין, פֿאָטער, איך האָב געקלערט...

מאָזער: זעכטו, אייגנטליך האָסטו דערפֿון בעדאַרפֿט אָנהייבן.

כֿריסטינאַ: דאָקטאָר קאָן וועט דאָך פֿריער קומען צו דיר, האָב איך דאָך בעדאַרפֿט פֿריער דיך פֿאַרבעריטן.

מאָזער: יאָ, יאָ, גוט... נאָר די מוטער וועט ניט מסכּים זײַן. וועסט זעהן... אַנדערע אויך...

כֿריסטינאַ: אויב דו ביסט מסכּים, מוזן זיך אַנדערע אונטערגעבן.

מאָזער: אַזוי מיינסטו, אָבער איך בין דאָך ניט קיין אַכזר, קיין מער־דער; דער מוטער איז עס אַזוי נוגע ווי מיר.

כֿריסטינאַ: די מאַמע וועט אָן ספֿק ניט װעלן מיך אומגליקליך מאַכן. סוף כּל סוף שטייט זי העכער פֿון פֿאָראורטיילן.

מאָזער: גוט, גוט דאָס וועלן מיר שוין זעהן. דערווײַלע שמועס זיך דורך מיט איר.

4־ער אויפֿטריט

ווילהעלם: (מיט אַ ווידמקאַרטע אויף אַ טעצעלע) דער הער וויל אײַך זעהן. (מאָזער לייענט די קאַרטל און לייגט אַוועק איפֿן טיש).

כֿריסטינאַ: (שטיל) ער?

מאָזער: (שאָקלט מיטן קאָפּ) בעט אַרײַן (ווילהעלם אָפּ).

5־ער אויפֿטריט

כֿריסטינאַ: (שפּרינגט אויף, גייט אַוועק אין הינטערגרונט און שטעלט זיך אָפּ). דוכט זיך, ס'איז גלײַכער איך זאָל דאָ בלײַבן? ווי מיינסטו, פֿאָטער?

מאָזער: יאָ... כ'ווייס ניט... אייגענטליך, דײַן דאָ זײַן קען אים ברענגען אין פֿערלעגענהייט.

כֿריסטינאַ: (ענטשלאָסן) אויב אַזוי, טאָ זאָל ער מיך כאָטש זעהן, וועט ער זײַן זיכערער.

6־ער אויפֿטריט

קאָן: (פֿון דער רעכטער טיר. כֿריסטינאַ אײַלט צו אים, נאָר באַזינט זיך, בלײַבט שטיין און גיט אים בעגריסענד די האַנט, קאָן קושט די האַנט) גנעדיגע פֿרײַלן...

כֿריסטינאַ: לעאָ, מען בעדאַרף עס שוין נישט מער.

קאָן: (פֿאַרוואונדערט, האַלב דערשראָקן) וואָס בעדײַט עס, כֿריסטינאַ?

כֿריסטינאַ: דער פּאַפּאַ ווייס אַלץ.

קאָן: (נעמט כֿריסטינען פֿאַר אַ האַנט און גייט צו מיט איר צו מאָזערן, וועלכער שטייט בײַם שרײַב־טיש פֿאַרטראַכט) נאָך אַמאָל האָט אַ פֿרוי דערוויזן, אַז זי איז דרייסטער פֿון מאַן און פֿאַרשעמט דעם מאַנס צווייפֿל... כֿריסטינאַ פֿאַרגרינגערט מיר דעם שריט, וועלכן איך בעדאַרף מאַכן און פֿון דער אַנדער זײַט פֿאַרשעמט זי מיך. מיר דוכט, אַז עס וואָלט בעסער געווען ווען איר וואָלט עס הערן פֿון מיר זעלבסט.

מאָזער: דאָס איז ניט וויכטיג, הער דאָקטאָר.

קאָן: (פֿערגנויגט) איבּ אַזוי, וואָג איך, הער מאָזער, צו בעטן בײַ אײַך די האַנט פֿון אײַער טאָכטער, וועלכע איך ליבּ מיטן גאַנצן האַרצן (כֿריסטינאַ דריקט אים די האַנט) און וועלכע האָט מיך בעגליקט מיט איר גרייטקײַט צו טיילן מיט מיר אַלע פֿריידן און ליידן פֿון מײַן לעבן. (ער קוקט די גאַנצע צײַט אויף כֿריסטינען).

כֿריסטינאַ: (שטיל, שטאַרק) יאָ, איך בין גרייט דערצו.

קאָן: איך בעט ענטשולדיגונג: איך בין קעגן אַלע מנהגים, געקומען ניט אין פֿראַק... נאָר אין אונזער שטעטעלע, בעמערקט מען אַזוי יעדע קלייניגקײַט און מען פּראַוועט וועגן אַלץ רכילות, אַז מיר האָט זיך פּשוט ניט געוואָלט מען זאָל תּיכּף פֿאַנאַנדער־קלינגען, אַז איך...

מאָזער: (שלאָגט איבער אונגעדולדיג) זײַט אַזוי גוט, דאָס איז נאָר אַ פֿאָרם, וועלכע האָט קיין בעדײַטונג. בײַ אונז איז דאָ וויכטיגערע דאגות. (צו כֿריסטינען) גיי, מײַן קינד, לאָז אונז אַ ווײַלע אַליין. מיר דאַרפֿן זיך דורכשמועסן, און דאָס וועט זײַן גלײַכער צו טאָן אָן דיר.

כֿריסטינאַ: ווי דו ווילסט, פּאַפּאַ (קושט אים די האַנט. גייענדיג פֿאַרבײַ קאָנען זאָגט זי אים שטיל) ניט פֿאַל אַראָפּ בײַ זיך, דער פּאַפּאַ איז אַ גוטער (גייט אַרויס דורך דער גלעזערנער טיר און בלײַבט זיצן אויף די טרעפּלאַך. קוקט פֿון צײַט צו צײַט אויף ביידן. גייט דורך אַ פּאָר מאָל איבערן טעראַסע און קערט זיך אום צוריק).

מאָזער: (זעצט זיך צום שרײַב־טיש, בעט קאָגען זעצן זיך. רעדט צוערשט מיט ניט אַ זיכערע שטים און וואָס ווײַטער אַלץ שטאַרקער) יאָ איך וועל ניט לייקענען פֿאַר אײַך, הער קאָן... איר זײַט אַליין גענוג קלוג צו פֿאַרשטיין, אַז אײַער שריט האָט מיך ערשטוינט. הם... אַ געוויסע באַוואָסטזיניקײַט... איך בעט ענטשולדיגן, אויב איך בין ניט גאָר פֿאָרזיכטיג מיט אַ וואָרט... דאָ האַנדלט זיך וועגן דאָס גליק פֿון מײַן איינציגע טאָכטער, וועלכע איך ליב מער פֿון אַלץ אין דער וועלט; איך דאַרף איך אָפּגעבן אויפֿמערקזאַמקײַט מער ווי אויף אַלע העלטליכע מנהגים און אָנשטענדיגקײַטן...

קאָן: זעלבסטפֿאַרשטענדליך, הער מאָזער.

מאָזער: יאָ, יאָ... איך רעכן, אַז בײַ דעם געזעלשאַפֿטליכן שטאַנד־אונטערשייד פֿון אונזערע פֿאַמיליעס...

קאָן: (שלאָגט איבער) איך קאָן אַפֿילו ניט בעגרײַפֿן דעם גאַנצן אונטערשייד, נאָר איך בעט אײַך נעמען אין אַכט, אַז מײַן משפּחה וועט אײַך קיינמאָלניט שטעלן קיינע פֿאָדערונגען און וועט אײַך קיינמאָל ניט זײַן צו לאַסט... דעריבער בעט איך אײַך ריידן נאָר וועגן מיר אַליין.

איר האָט נאָר וואָס גערעדט וועגן געזעלשאַפֿטליכע לאַגע...

מאָזער: ענטשולדיגט!...

קאָן: ניטאָ וואָס צו ענטשולדיגן. איך טראַכט גאָר ניט אָפּצולייקענען דעם אונטערשייד פֿון אונזער געזעלשאַפֿטליכער לאַגע; נאָר ווען איך וואָלט אַפֿילו קיינע אַנדערע מעלות ניט געהאַט אויסער דעם, וואָס כריסטינאַ האָט מיך ליב, — איז דאָס אַליין דען ווייניג איך זאָל גיין מיט אַ שטאָלץ אויפֿגעהויבענעם קאָפּ?

מאָזער: דאָס איז ריכטיג.

קאָן: איך מוז אָגב צוגעבן, אַז אויף מײַן געביט קען איך צוגערעכנט ווערן צו די ערשטע... ניט נאָר הורך פֿרײַנד, נאָר אויך הורך ספּעציאַליסטן און אַפֿילו הורך שונאים. די גרויסע* גאָלדענע מעדאַל, וועלכע די שטאָקהאָלמער אַקאַדעמיע האָט באַשטימט פֿאַר מיר, איז נישט קיין פֿאַנטאַזיע, נאָר אַ רעאַלע ראיה דערצו. אַ קאַפֿעדרע איז פֿאַר מיר געזיכערט, אויב ניט דאָ, איז אין אַן אַנדער אָרט, אַ גרעסערן. אויב מען דאַרף קען איך באַהויפּטן מײַן אונגעדולדיקײַט, ווערן פֿריער אַ פּראָפֿעסאָר און דערנאָך

חתונה האָבן מיט כריסטינען. דאָס וועט, אַגב, איך נישט לאַנג דויערן. דאַן, האָף איך, וועט שוין מער קיין רייד ניט זײַן פֿון מײַן געזעלשאַפֿטליכע לאַגע. איך קען נאָר, לײַדער, ניט פֿאַרלייגן כריסטינען קיין רײַכקײַט....

מאָזער: כריסטינאַ איז געגוג רײַך און פֿאָדערט קיין זאַך ניט.

קאָן: ענטשולדיגט, — איך זאָג אײַך פֿאָראויס, אַז ניט נאָר איך זאָג זיך אָפּ פֿון נדן, נאָר איך וועגד עס לחלוטין אָפּ.

מאָזער: אָבער, ליבער, הער קאָן, ווי אַזוי איר.... אַ פּראַקטישער מאַטעמאַטיקער.

קאָן: איך פּרעטענדיר לחלוטין ניט אויף אַזאַ טיטול.... בירזשע-ווּיקעס, ספּעקוליאַנטן און זייער גלײַכן קענען זיך אָנרופֿן מיטן נאָמען פּראַקטישע מאַטעמאַטיקער. איך גרוים זיך מיט דעם, וואָס איך בין אַ פּשוטער מאַטעמאַטיקער!

מאָזער: זאָל זײַן אַזוי, נאָר איר מיינט דאָך ניט ערנסט, אַז איך וועל לאָזן מײַן קינד, מײַן אייגן בלוט, לעבן אין דחקות נאָר דערפֿאַר, ווײַל איר ווילט נישט מען זאָל אײַך חושד זײַן, אַז איר זײַט פֿאַראינטערעסירט אין מײַן טאָכטערס נדן. ענטשולדיגט, דאָס איז אַ ביסל איבערגעטריבענע גאווה.

קאָן: (פֿערנויגט) דאָס וואָרט בין איך געצוואונגען אָנצונעמען...

מאָזער: איצט איז נאָך בכלל ניטאָ פֿון דעם וואָס צו ריידן, עס וועט קומען אַ צײַט.

ווען איך האָב דערמאָנט געזעלשאַפֿטליכע לאַגע, האָב איך געמיינט אַ גאַנץ אַנדערע זאַך. ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז אַ נעהיימראַט האָט גאַנץ ווייניג סבות צו קוקן אויף אַ פּראָפֿעסאָר פֿון אויבן אַראָפּ.... נאָר... איך האָב געמיינט, אַז איר וועט מיך פֿאַרשטיין. (פּויזע).

קאָן: איך בעט אײַך ריידן קלאָרער, הײַמליכער.

מאָזער: איך בעדויער זייער, וואָס איר צווינגט מיך צו שטעלן טראָפּ אויף די ווערטער... כ'מיין... איר שטרעבט צו ווערן אַ מיטגליד פֿון אַ קריסטליכער פֿאַמיליע... (פּויזע) און פֿאָרלויפֿיג... איר זײַט נאָך לעת עתה אַ ייד?

קאָן: מײַן נאָמען בעווײַזט, אַז איך בין אַ ייד...

מאָזער: זעלבסטפֿאַרשטענדליך, אַז איר זײַט גרייט צו פֿאַרלאָזן אײַער גלויבן און איבערבײַטן אײַער פֿאַמיליע-נאָמען. איך זאָג: דעם פֿאַמיליע-נאָמען, הגם קאָן איז, אייגענטליך, גאָר קיין פֿאַמיליע-נאָמען ניט. פֿאַמיליע-נעמען עקזיסטירן כדי צו אונטערשיידן

אײן מענש פֿון צװײטן; קאָן איז אָבער ניט קײן אינדיװידועלער נאָמען, נאָר אַן אַלגעמײנער (פֿון װאָרט כּהן).

קאָן: געװיס. נאָר פֿונדעסטװעגן איז קאָן דער פֿאַמיליע-נאָמען פֿון מײַן פֿאָטער; מײַנע אורעלטערן האָבן דעם נאָמען געטראָגן אין משך פֿון גאַנצע דרײַ טױזנט יאָר.
עס טוט מיר זײער לײד, נאָר איך מוז אײַך ערקלערן, אַז איך װעל נישט בײַטן ניט מײַן פֿאַמיליע, ניט מײַן רעליגיע..

מאָזער: אױף אַזאַ אופֿן האָבן מיר מער נישט פֿון װאָס צו רײדן.

קאָן: (אױפֿשטײענדיג) דאָס איז אײַער ענטפֿער, הער, געהײם-ראַט?

מאָזער: װען עס װאָלט נאָר מיך אָנבעלאַנגט, װאָלט עס װירקלעך געװען מײַן ענטפֿער. צום בעדױערן, — איך בעט ענטשולדיגן — מוז איך זיך רעכענען מיט מײַן טאָכטער, װעלכע אײַער משונהדיגער פֿאָרשלאָג איז נוגע מער װי מיר.
ערלױבט מיר פֿרעגן אײַך אָפֿענהערציג: איר זײַט אַ גלױבענדער ייד?

קאָן: נײן, צום בעדױערן האָב איך גאָר קײן גלױבן נישט.

מאָזער: אױב אַזױ, אױב איר זײַט ניט קײן אָנהײנגער פֿון יידישער רעליגיע, טאָ װאָס האַלט אײַך אָפּ פֿון צונעמען קריסטנטום?

קאָן: איך בין דאָך בכלל נישט קײן גלױבענדער, הער געהײם-ראַט...

מאָזער: (גײט אום אױפֿגערעגט) יאָ... דאָס איז אײַער זאַך. גלױבן... איך מײן, אַז מיר זײַנען גענוג געבילדעטע און מאָדערנע מענשן... צי דען איז דער עיקר דאָס גלױבן? דער עיקר איז, װאָס לעבעדיג צװישן װעלף דאַרף מען אױך זײַן אַ װאָלף... אָט בין איך אַ לעבעדיגער בײַשפּיל. איר װײסט װי אַזױ איך בין געװאָרן אַ קריסט?

קאָן: נײן, הער מאָזער.

מאָזער: אױב אַזױ װעל איך אײַך דערצײלן. געװען איז עס בײַ סעדאַן, פֿאַרנאַכט, גאָר אַ שלאַכט. איך בין דרײַ מאָל געװען פֿאַרװאונדעט, אָבער לײַכט, אַזױ אַז מען האָט מיך אױפֿן אָרט באַנדאַזשירט אונטער דעם שונאס קױלן, װײַל איך האָב ניט געװאָלט אַװעק פֿון מײַנע חברים. ס'האָט שױן געדעמערט. אױפֿן שלאַכט-פֿעלד האָבן געשימערט װעכטער-פֿײַערלאַך... די לעצטע שיסערײַ-קלעפּ זײַנען שטיל געװאָרן... און מיט אַמאָל, הערצברעכענדיג די פֿײַערליכע שטילקײַט, האָט זיך פֿון הינטערטער,

טויזנטער הערצער געלאָזט הערן צאַרטע קלאַנגען פֿון אַ תּפֿלה: דאָס גאַנצע דײַטשע מיליטער האָט, ווי אײן מענטש, געזונגען די תּפֿלה: „גאָט דער אַלמעכטיגער איז אונדזער קראַפֿט און שטאָלץ". נאָר איך אײנער האָב ניט געקענט מיטזינגען. האַנט בײַ האַנט מיט מײַנע חבֿרים האָב איך מאַרשירט דעם גאַנצן טאָג, צוזאַמען מיט זײ האָב איך געאַרבעט און אין געפֿאַר געווען, צוזאַמען מיט זײ האָב איך מײַן בלוט פֿאַרגאָסן, און איצט, אין אַזאַ פֿײַערלעכע מינוט, ווען אַלע הערצער זײַנען פֿול געווען מיט דאַנקבאַרקײט און האָבן געצאַפּלט פֿון אַנדעכטיקײט, בין איך אַלײן געבליבן אויסער דעם, איך האָב קײן אָנטײל ניט געקענט נעמען אין דער תּפֿלה, אַ פֿרעמדער בין איך דאָרט געווען...

עטוואָס ענלעכעס האָב איך נאָך אַמאָל איבערגעלעבט, שפּעטער, בײַ פּאַריז.

ס'איז געווען אין אָוונט, ערבֿ ווײַנאַכט. די מענטשן פֿון מײַן אָפּטײלונג בײַ די פֿאָרפּאָסטן, וועלכע זײַנען געווען אונטער מײַן לײטונג, האָבן אָנגעצונדן אַ יאָלקע און האָבן געזונגען: „אָ, שטילע, אָ, הײליגע נאַכט", זײערע אויגן זײַנען פֿול טרערן געווען און איך בין ווידער אַ אײנזאַמער, אַ שטומער געשטאַנען פֿון ווײַטן.

דאַן האָב איך מיר אַלײן געזאָגט: „עס איז פּשוט אַ פֿאַרברעכן אַזאַ באַציִונג צו זיך און צו די חבֿרים! איך בין אַ דײַטש! פֿאַר מײַן פֿאָלק האָב איך ריזיקירט מיטן לעבן אויפֿן שלאַכט-פֿעלד, פֿאַרוואָס זשע קען איך ניט געניסן פֿון מײַן פֿאָלקס פֿרײד? נײן, צווישן אונדז קענען ניט זײַן קײנע ריטועלע אונטערשײדן!"

קומענדיק אַהײם האָב איך צוגענומען קריסטנטום; נאָר ניט דערפֿאַר, ווײַל איך האָב אין דעם געגלױבט, נײן, נאָר ווײַל איך האָב געוואָלט לעבן אַזוי ווי דאָס גאַנצע דײַטשע פֿאָלק לעבט, מיט קײן זאַך ניט אונטערשײדנדיק זיך פֿון זײ.

קאָן: אײַערע שטרעבונגען זײַנען פֿאַרשטענדלעך און ערלעך, נאָר איר האָט מיט דעם ניט דערגרײכט צום ציל.

מאָזער. נאָ... ערלױבט!

קאָן: איך וואָלט ניט וועלן פֿאַרשאַפֿן איך קײן עגמת-נפֿש, דעריבער וועל איך רײדן ניט וועגן אײַך, נאָר בכלל: דאָס נעוואוינשענע פֿאַראײניגונג מיט אונדזערע לאַנדסלײַט וועלן מיר קײנמאָל נישט דערגרײכן. מיר קענען זיך עס אײַנרײדן, נאָר יענע לאָזן אונדז פּשוט אײַם, ווען זײ מערקן, אַז מיר האָבן זיך אַזױנס אין קאָפּ

אַרײַנגענומען. אין אויב, ניט קוקנדיג דערויף, לייגט מען אונז אָפּט פֿאַר שמד, איז עס ניט דערפֿאַר, ווײַל מען וויל אונז צו־נעמען ווי ברידער, נאָר כּדי נאָך מער אַכזריותדיג צו ערנידעריגן אונז און מאַכן אונז צו שפּאָט און שאַנד. אָט וואָס טוט רעגט אויף אַם שטאַרקסטן. אין חדר, אין אוניווערסיטעט, אין מיליטער־דינסט — אומעטום פּלאַנצט מען אין אונז ליבע צו דײַטשלאַנד, שטאַלין מיט אַלץ דײַטשישע, באַגײַסטערונג מיט דײַטשלאַנדס עבר, דורך אַרץ פֿאַרן דײַטשן גײַסט און דײַטשן פֿיסט... און אַז מיר זײַנען שוין דײַטשן ביזן לעצטן נאָגעל, דײַטשן אין ליבע און שנאה, שטויסט מען אונז מיט אַמאָל ברוטאַל אָפּ און מען שרײַט אונז מיט שפּאָט: „איר זײַט נישט קיין דײַטשן און עס איז אונמעגליך איר זאָלט אַזעלכע ווערן. איר זײַט פֿרעמדע און אַזוינע וועט איר אייביג בלײַבן".

ווער זשע זײַנען מיר? אונזער יידישע נשמה רײַסט מען בײַ אונז אַוועק דורך ערציהונג און בילדונג, און מיט דער דײַטשער נשמה, וועלכע מען האָט אונז מיט גוואַלד אָנגעוואָרפֿן, טאָרן מיר נישט לעבן. דאָס איז אַן אונערהערטער פֿאַרברעכן קעגן אונז! אונזער אייגענעם „איך" רײַסט מען בײַ אונז אַוועק און מען בינדט אונז צו אַ פֿרעמדן, נאָכהער גיט מען אונז צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס איז נאָר אַ מאַסקאַראַד, וועלכער מאַכט אונז לעכער־לין...

מאָזער: וואָס זשע, אייגענטליך, ווילט איר? יידן זאָלן זיך אפשר אומ־קערן צוריק אין געטאָ?

קאָן: אונזער פֿעררעט קעגן זיך אַליין און די פֿעראַכטונג פֿון די אַרומיגע, מאַכן אונז ווייניגער פֿרײַ, ווי דאָס לעבן אין געטאָ.

מאָזער: גאָט, דאָס איז דאָך אַ געפֿערליכע קולטור־פֿײַנדשאַפֿט!

קאָן: יאָ, אַ געפֿערליכע קולטור־פֿײַנדשאַפֿט איז צו פֿאַרמיאוסן אַ פֿיי־איג פֿאָלק בײַ זיך אַליין אין די אויגן און אָפּנעמען בײַ אים יעדע מעגליכקײַט צו אַנטוויקלען זײַנע אינערליכע כּחות.
געשמדט, אָדער ניט — בלײַבט דער ייד שטענדיג אַ אויסלאָז. נאָר סוף כּל סוף מוז ער זיך אומקערן צו זיך אַליין, דאָס איז זײַן איינציגער אויסוועג.
אויב אַן אַריער שטויסט אָפּ פֿון זיך דעם סעמיט און שטעלט אים אין אַזעלכע באַדינגונגען, בײַ וועלכע ער קען בשום אופֿן ניט בלײַבן קיין גאַנצער מענש, דאַן מוז דער סעמיט בלײַבן גאַנץ

אַלס ייד, און די ערשטע באַדינגונג איז דערביי דער זעלבסטשאַץ פון אייגענעם נאַציאָנאַלן ווערט, וועלכן מען פילט שאַרף אַליין און ווערט איבערגעגעבן איינס אַנדערע.

מאָזער: פעלט אייך דען דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלן זעלבסט־ווערט? פילט איר זיך דען ניט פאַר קיין דייטש?

קאָן: וואָס קען מיר העלפן מיין געפיל, אַז דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק אַרום שרייט בקול אחד: „דו ביסט ניט אונזערער"? מיר דוכט זיך שוין ווירקליך, אַז איך בין אַ שווינדלער, בעת אין אויסלאַנד ווערט מיין ערפאָלג אויסגעטייטשט אַלס זיג פון דייטשער וויסענשאַפט און אין דייטשלאַנד גופא זאָגט מען: „מיר קענען ניט קיין געלערטן דייטש מיטן נאָמען קאָן. דער נאָמען אַליין באַווייזט גענוג, אַז דער מענש איז אַ ייד".

מאָזער: דעריבער זאָג איך טאַקע, איר זאָלט זיך מיהען צו דערנעהענטערן צו אונזער פאָלק.

קאָן: דאָס איז אָבער אונמעגליך, מען שטויסט אונז אָפּ! זוך איך דעריבער אַ דערנעהענטערונג צו מיין פאָלק.

מאָזער: איר ווילט אַפנים יידן זאָלן ווידער ווערן אַ באַזונדער פאָלק? אַזוי האָב איך אייך פאַרשטאַנען?

קאָן: ווידער ווערן?... און איצט זיינען מיר דען ניט קיין פאָלק? מען טענהט עס אונז אַריין טאָג טעגליך גאַנץ גענוג אויף יעדן טראָט.

מאָזער: אַ פאָלק אָן אַ לאַנד, אָן אַ שפּראַך...

קאָן: וועלן מיר זעהן אַ לאַנד צו באַקומען. מיר מוזן זיך ווידער אומקערן צו אונזער פאַרגעסענער שפּראַך.

מאָזער: זאָגט מיר, הער דאָקטאָר, כריסטינאַ איז באַקאַנט מיט אייערע אָנשויאונגען?

קאָן: יאָ, זי ווייס זיי.

מאָזער: איז זי איינשטימיג מיט זיי?

קאָן: זי פילט מיר מיט.

מאָזער: דאָס אַליין אָבער איז דאָך לחלוטין ניט ערנסט. איר זייט פשוט איבערגערעגט פון די אַנטיסעמיטישע מעשים. נאָר דער געגענוואַרטיגער אַנטיסעמיטיזם, אין זיין גרעניצלאָזער פאָרם, איז אַ דורכגייענדער.

קאָן: דאָס גלויב איך שוין נישט מער.

מאָזער: ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז אויב איר וועט מיט אײַער עקשנות און צוריקגאַנג אים פֿאַרשטאַרקן, וועט ער ניט אויפֿהערן! אײַער אײַנבילדונג וועגן אַ באַזונדערן ייִדישן פֿאָלק — איז נאָר אַן אויסגעטראַכטע פֿראַזע צוליב פּאָלעמישע צוועקן... גלייבט מיר, הער קאָן, אַז אין האַרצן זײַט איר ניט מער ייִד ווי איך.

קאָן: הער מאָזער, אין האַרצן זײַט איר ניט ווייניקער ייִד ווי איך...

מאָזער: (ברוגז) ווי ערלויבט איר זיך מיר אַזוינס צו זאָגן?

קאָן: אײַער אויפֿרעגונג איז דער בעסטער באַווײַז פֿאַר מיר און פֿאַר אײַך אויך, אַז איך בין גערעכט..... לאָמיר אַרײַנקוקן גלײַך אין די אויגן איינער דעם צווייטן: ייִדישקייט קען מען ניט אויסמעקן! מען קען עס רעכענען פֿאַר אַ כּבֿוד אָדער פֿאַר אַ חרפּה, נאָר אַוועק פֿון דעם קען מען נישט.

מאָזער: דאָס איז אַ מיינונג, מיט וועלכן איך בין, אַלענפֿאַלס, ניט אײַנשטימיק. איך וועל אײַך זאָגן מײַן מיינונג: ייִדנשאַפֿט עקזיסטירט נישט מער, ס'איז שוין לאַנג געשטאָרבן. דאָס וואָס מען רופֿט איצט ייִדנשאַפֿט — איז נאָר אַ פֿאַלשער, קינסטלעכער באַגריף. ייִדנשאַפֿט, אויב ס'איז אַפֿילו ווען געווען אַ ראַסע, האָט עס שוין לאַנג אויפֿגעהערט צו זײַן אַזוינע. בלוט פֿון פֿאַרשיידענע אייראָפּעאישע און מעריב־אייראָפּעאישע פֿעלקער פֿליסט אין די אָדערן פֿון איצטיגן ייִדן, וועגן איין איינציגן שורש — קען גאָר קיין רייד ניט זײַן.
וואָס האָב איך למשל פֿאַר געמיינזאַמעס מיט ייִדן־נעגערן, וועלכע, ווי מען זאָגט, עקזיסטירן אויף דער וועלט? וואָס גייען מיר אָן די פּוילישע און רוסישע פּאַראַזיטן־לאַפּסערדאַטשניקעס? וואָס האָב איך פֿאַר אַ שײַכות צו די אויסוואורפֿן?
אַז בײַ אַ פֿרומען הייסט ייִדישקייט — רעליגיע, — דאָס פֿאַרשטיי איך נאָך, אָבער פֿאַר אַ געבילדעטן מענטשן איז דאָס נישט מער ווי שפּורן פֿון אַמאָליגע אַבערגלייבנס און נאַרישע מנהגים. דאָס ייִדישקייט באַשטייט דאָך אייגנטליך אין דעם, וואָס אין געוויסע טעג בלאָזט מען אין אַ האָרן, און געוויסע טעג קײַט מען שלעכטע אײַנגעזויערטע קיכן און.... מען רעדט אויף אַ שלעכטן זשאַרגאָן... יאָ, איך האָב געוואוסט, אַז איך בין אַ ייִד אויך צוליב דעם, וואָס אונזער קאָנטאָר איז געווען שטענדיג באַלעגערט פֿון פּויליש־ייִדישע שנאָרער. און דאָס אַלץ פֿאַר־

טיידיגט אַ מענש מיט מאָדערנע בילדונג! יידן זיינען אַ פאָלק, וועלכן מען באַמערקט צוליב זייער משונהדיגן אימוזעהן... אויס געפיל פון מענשנליבע קען מען זיי עצהן, זיי זאָלן איינציגוויי פאַרלאָזן דאָס יידנשאַפט און זאָלן זיך צוזאַמענגיסן מיט אונז, דייטשן. דאַן וועט ענדליך פון זיי אַראָפגענומען ווערן די אייביגע קללה...

קאָן: אַליין ניט באַמערקנדיג זייט איר אַ מליץ יושר געוואָרן, הגם איר האָט אייער געשפרעך געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ באַשולדיגונגס־רעדע.

איך וועל זיך מיט אייך ניט אַמפּערן וועגן דעם. איך בעט נאָר ערלויבן מיר עטליכע ווערטער: איר לעבט אין טעות. יעדער אַנטיסעמיט וועט אייך זאָגן, אַז יידן זיינען אַ ראַסע, און זאָגן, אַז מען טרעט אַרויס פון יידנשאַפט איז דאָס זעלבע — ווי אַ נעגער וואָלט געזאָגט, — אַז ער הערט אויף צו זיין אַ נעגער... די אָפּשטאַמונג גייט נאָך דעם יידן ווי געהיים־פּאָליציי איבעראַל וואו ער קערט זיך און ווענדט זיך און אָט־אָ דאָס שטערט אים צו אייפגיסן זיך מיטן דייטשן פאָלק.

מאָזער: דאָס איז אפשר מעגליך בנוגע צום ערשטן דור, נאָר מען דאַרף זיין לאָגיש־איבערגעהאַלטן: אַ ייד, אַריסרייסנדיג זיך פון געטאָ, דאַרף חתונה האָבן מיט אַן עכטער דייטשקע, כדי די קינדער זאָלן ווייסן, אַז זיי שטאַמען פון קריסטן: דער ייד דאַרף אויך זיך נעמען זיין גאַנצן לעבן דורכלעבן אין דער שטיל, אין שאָטן, אונבאַמערקט... ער מוז זיך אָפּזאָגן פון הויכמוטיגקייט — הגם פאַר אַ יידן איז עס באַזונדערס שווער — כדי ניט באַמערקט צו זיין.

אָט קוקט מיך אָן: מיין פאָטער איז געווען אַ זייער באַוואוסטער מענש, דער ערשטער באַנקיר אין לאַנד, און איך האָב די פירמאַ פאַרמאַכט און לעב זיך אין מיין ווינקעלע ווי אַ בעשיידענער הויזבאַזיצער. איך שטרעב אָן טומעל צו ברייינגען מיינע מיט־בירגער, נוצן, וועלענדיג דערביי אַ קליינינגקייט — בלייבן אונבאַמערקט. איך באַהאַלט זיך, — דערפאַר וועט אָבער פאַר מיינע קינדער זיין אָפן די וועלט. מיינע זין, מיינע אייניקלאַך וועלן שוין קענען טרוימען פון עהרע־גייציקייט, קיינער וועט זיי ניט איבערוואַרפן אַז זייער זיידע פון טאַטנס צד איז געווען אַ ייד.

קאָן איר לייגט פאָר, אויף אַזאַ אופן, אַ מין גאַנץ איינגאַרטיגע נשמה־

אויסטייטש?... אַ ייִד דאַרף שטאַרבן, דאַרף מגולגל ווערן אין אַ מין נידעריקע באַשעפֿעניש, כּדי דערנאָך, נאָך אַ געניטע אויסלײַטערניש און תּשובֿה טאָן — אויפֿסנײַ קומען אויף דער וועלט, אַלס גלענצנדער אַריער!... ניין, איך בין צו אינדיווידועל און צו־ווייניק מיסטיק דערצו... אַגבֿ בין איך ניט קיין מיליאָנער... איך האָב איצט אויך רעכט צו זײַן עהרגײַציק; איך בין פֿון קיינעמס וועגן ניט מחויבֿ צו באַגראָבן מײַן טאַלענט, איך טאָר אַליין זיך אַזוי נישט באַהאַנדלען. מיט אַלע כּוחות מײַנע וועל איך זעהן צו אַנטוויקלען זיך אַליין און אַנטוויקלען די וויסנשאַפֿט, ניט מורא האָבנדיק טאָמער וועל איך דורך דעם ווערן באַוואוסט און באַרימט... נו, און קעגן געמישטע חתונות האָב איך לחלוטין גאָרנישט, די בעסטע ראיה דערצו איז דאָס, וואָס איך שטיי איצט פֿאַר אײַך...

מאָזער: נאָר אַזאַ געמישטע חתונה, בײַ וועלכער איר בלײַבט אַ ייִד און מען רופֿט אײַך אַלץ קאָן — דערגרייכט נישט קיין ציל; בײַ אַזעלכע חתונות וועט קיינמאָל נישט פֿאָרקומען קיין צוזאַמענגיסונג, פֿאַרקערט, ס'וועט באַשאַפֿן ווערן אַן אָפּגעזונדערטקייט.

קאָן: איך וואָלט קיינמאָל און ערגעץ ניט מסכּים זײַן צו ווערן אַ מיטגליד פֿון אַ פֿאָלק, אָדער פֿון אַ משפּחה, אַלס מענטש וועלכן מען איז נאָר סובֿל, ניט האָבנדיק דערויף קיין פֿולע, גלײַכע רעכט... איך וויל מיך ניט שרעקן אין מײַן אייגן הויז פֿאַר אַ צווייפֿלהאַפֿטן וואונק! איך וויל זיך ניט פֿאַרשעמען און וויל ניט שפּירן קיין האַרצקלאַפּעניש, אויב איך וועל זיך אַמאָל, בײַ מײַן אייגענעם טיש, אַרויסרײַסן מיט אַ וואָרט אָדער מיט אַ ספּעציפֿיש ייִדישע באַוועגונג... איך וויל נישט, אַז אויס העפֿלעכקײַט זאָל מען אויסמײַדן צו ריידן מיט מיר וועגן מײַנע עלטערן. זײַנדיג וואו צוזאַמען מיט מײַן פֿרוי, וויל איך נישט באַהאַלטן זיך אין אַ ווינקל און ציטערן, אַז אין יעדן שטילן געשפּרעך רעדט מען זיך עס וועגן מיר.... איך קען ניט קומען צו אַזאַ בטול היש, אַז מיר זאָל אויסקומען דאַנקבאַר זײַן דערפֿאַר, וואָס אַ קריסטלעכע פֿאַמיליע געמט מיך אַרײַן אין איר קרײַז:...

מאָזער: (טרויעריג) צי ווילט איר ניט זאָגן, אַז דאָס אַלץ קומט פֿאַר מיט מיר?

קאָן: צי קען איך עס גאָר וואַגן? ניין, איך ריידּ אויסשליסלעך וועגן זיך. דאָס געפֿיל פֿון זעלבסט־שאַץ פֿאָדערט פֿון מיר, אַז ניט

מײַן פֿרוי זאָל מיך אַרײַנציהען אין אירע קרײַזן, נאָר פֿאַרקערט...

מאָזער: יאָ, יאָ... נאָר דאָס הייסט דאָך מאַכן די אומגליקליך.

קאָן: איך ליב צו שטאַרק כריסטינען, איך זאָל וואַגן זי אומגליקליך צו מאַכן. איך בין איבערצײַגט, אַז פֿאַר איר איז קיין אומגליק ניט צו אָנגערופֿן ווערן מיטן פֿאַמיליע קאָן.

מאָזער: הם... ווייס איך... אפֿשר איז עס נאָך פֿאַר איר אַ כּבֿוד?...

קאָן: איך האָב עס ניט געזאָגט, נאָר אַז איר אַליין האָט עס שוין באַרירט, גוט, וועל איך אײַך זאָגן: יאָ, זייער ריכטיג, עס וועט זײַן פֿאַר איר אַ כּבֿוד. קאָן האָט גענוג גרונד צו גרייסן זיך מיט זײַן פֿאַמיליע. אין דעם נאָמען קלינגט לעגענדע און געשיכטע. די פֿאַמיליע איז אַ גרויסע באַוועגונגס־קראַפֿט פֿאַר איר באַזיצער... די פֿײַנדליכע באַציהונג צו אונז מצד אונזערע שכנים צווינגען אונז צו זײַן העכער פֿון זיי; זייער אויסלאַכן אונז דערלאָזט נישט, מיר זאָלן בלײַבן מיטלמעסיגע מענשן... אָפּזאָגן זיך פֿון אַזאַ מעגליכקײַט צו הויכע שטרעבונגען — הייסט פּשוט באַגיין אַ פֿאַרברעכן געגן זיך אַליין, דאָס הייסט איבעררײַסן דעם פֿאָדעם, וועלכע בינדט מיך אויף מיט די פֿאַרגאַנגענע דורות.

מאָזער: ס'איז צו מערקן בײַ אײַך אַ גרויסן ווידערשפּרוך. אײַער עהרגײַציגקײַט לאָזט אײַך ניט שמדן זיך, ווײַל איר זײַט אַ אינדיווידואַליסט און אין דער זעלבער צײַט האַלט איר זיך שטאַרק בײַ אײַער נאָמען, ווײַל ער בינדט אײַך אויף מיט פֿאַרגאַנגענע דורות... איר גרייסט זיך מיט אײַער יידנשאַפֿט און אַ פֿרויווילט אירנ עמען אַ קריסטליכע.

קאָן: יאָ, אמת, איך שפּיר אַליין אויך אַ געוויסן אינערליכן ווידערשפּרוך, דאָס איז אָבער דערפֿאַר, ווײַל אונז פֿעלט דאָס, וואָס בײַ אַנדערע פֿעלקער איז דער עיקר פֿון זייער קיום, פֿון זייער נאַטור, נעמליך — אונזער באַציהונג צו מענשן. די ווידערשפּרוכן האָבן אָבער אַ פּשוט מענשליכע באַגרינדונג: איך האָב ליב כריסטינען און די ליבע מײַנע איז אַ ריין פּערזענליכע זאַך, וועלכע האָט ניט קיין שום שײַכות ניט צו מײַן פֿאָלק, ניט צו די פֿאַרגאַנגענע דורות. אין דעם פּרט בין איך אַן אינדיווידואַליסט, וועלכער ליבט און שטרעבט פֿאַר זײַן גליק און ליבע. דאָס איז מײַן פּערזענליכער קדשי־קדשים, וואוהין עס ווערט ניט אַרײַנגעלאָזן קיין זאַך וואָס איז ניט באַגײַסטערט מיט ליבע צו כריסטינען.

מאָזער: זייער פֿײַן, הער דאָקטאָר, דאָס איז אָבער נאָר ווערטער. באמת זעה איך ניט קיין מעגליכקייט צו פֿאַרווירקליכן אייער ווילן, אויב איר בלייבט אַזוי אײַנגעשפּאַרט.
אַמאָליגע יאָרן האָט מען אַזאַ צוגעבונדענקייט צו יידישקייט גע־קאָנט באַמערקן צווישן דאָרף־הענדלער, קאָראָבייניקעס, אָבער יונגע, געבילדעטע מענשן זײַנען געשטאַנען העכער דערפֿון. אַזעלכע אָנשויאונגען בײַ אַ יונגען מאַן ווי איר — איז פֿאַר מיר לחלוטין אַ נייס... ס'איז נאָך ערגער: אַרײַנגעמענדיג זיך אין קאָפּ אַ ווילדע פֿאַנטאַזיע, אַז יידן זײַנען אַ באַזונדער פֿאָלק, ווילן זיי דערמיט פֿאַרמזיצן דאָס טראַגישע לעבן פֿון...

קאָן: בעסער לעבן טראַגיש, נאָר גרויס; בעסער אַפֿילו שטאַר־בן גרויס ווידער, אין בעסטן אופֿן, שפּילן פֿאַר די שפּאַסמאַ־כענדע פֿעלקער, אַ ראָל פֿון אַ פּאַיאַץ...

מאָזער: איך גלויב נאָך עד היום אין שכל הישר פֿון יידישן פֿאָלק. דער נײַער יידישער פֿאַנאַטיזם וועט וואַרשײַנליך מקרב הגאולה זײַן און אַלע פֿרײַדיינקענדע יידן וועלן ווערן קריסטן.

קאָן: אויף די יידן... (האַקט מיט אַמאָל אָפּ...)

מאָזער: וואָס ווילט איר זאָגן?

קאָן: גאָרנישט... סתם אַזוי....

מאָזער: (גייט אום שווײַגענדיג איבערן צימער) מיר איז אַ חידוש וואָס איר פֿאָדערט ניט, אַז מײַן קינד זאָל זיך מגיר זײַן...

קאָן: די געשיכטע און אייגנשאַפֿטן פֿון מײַן נאַטור האָבן מיך גע־מאַכט פֿאַר אַ יידן... נאָר מיך אַלס פֿרײַדיינקער אינטערעסירן לחלוטין ניט די אמונה־פֿראַגן; יעדערער קען זיך זײַן אַ צדיק לויט זײַן אייגענעם ווילן.

מאָזער: זייער שיין. נו, און ווי וועט איר טאָן מיט אײַערע קינדער?

קאָן: איך וועל זעהן ערציהען זיי אין שטרעבונג צו ליבע און שיינקייט; לערנען זיי אונטערשיידן אמת פֿון שקר; און אַז זיי וועלן אויס־וואַקסן און וועלן שוין אַליין פֿאַרשטיין ווי זיך פֿאַנאַנדערצוקלײַבן אין גײַסטיגע און מאָראַלישע פֿראַגן — דאַן וועלן זיי אַליין פֿאַר זיך אויסקלײַבן דעם אָדער יענעם גלויבן. איך וועל זיך מיהען, זיי זאָלן געדיינקען כאָטש דעם איין יידן, וועלכער פֿערדינט גע־אַכט צו ווערן הן פֿון זיי, הן פֿון אַנדערע...

מאָזער: (גיט איבער די האַנט) צווייפֿלט ניט אין מײַן אַכטונג צו אײַך.

נאָר אויף מיר ליגט אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט... ס'איז זייער פֿאַר־פֿלאָנטערט... איך מוז זיך רעכענען מיט מײַן משפּחה, וועלכע האָט עס רעכט צו פֿאָדערן פֿון מיר. איך וואָלט זייער צופֿרידן געווען, ווען איך וואָלט זיך קענען מיט אײַך לײַכטער אויפֿריידן. דאַן וואָלט איך געקענט זײַן אײַער פֿאַרטיידיקער פֿאַר מײַנע לײַט... אַלענפֿאַלס זײַט זיכער, אַז וואָס ס'זאָל ניט פּאַסירן, וואָס פֿאַר אַ ענטפֿער ס'זאָל ניט זײַן, האָט עס צו אײַך, אַלס פּעזראָן, לחלוטין קיין שייכות ניט... נאָר... מיר האָבן זיך פֿאַררעדט און מײַן אָרעמע כריסטינע האָט שוין געוויס געדולד פֿאַרלאָרן. (ער גייט צו דער לינקער גלעזערנער טיר) מײַן קינד! דיר האָט זיך שוין גוט אויסגעצייגן די צײַט?

8־ער אויפֿטריט

כריסטינאַ: (לויפֿט אַרײַן שנעל אין פֿאַלט צו צום פֿאָטער) פֿאָטער, ליבינקער! ביסט מסכים, יאָ?

מאָזער: המ... דער הער דאָקטאָר זאָגט זיך עקשנותדיק אָפּ פֿון צו מאַכן דעם ערשטן גוטיגן שריט צו דעם...

קאָן: נעמליך: שמדן זיך, איבערבײַטן די פֿאַמיליע און אַזוי אַרום ווערן אויב ניט קיין פֿאַרהאַסטע, איז לפּחות, אַ לעכערלעכע באַשעפֿעניש.

מאָזער: ערלויבט....

כריסטינאַ: פֿאָטער, איך בעדאַרף עס לחלוטין ניט.

מאָזער: יאָ, טאָכטערל, דו ביסט אָבער ניט איינע אויף דער וועלט.

כריסטינאַ: פּאַפּאַ, איך פֿאַרלאָז מיך אין גאַנצן אויף דיר. דו ביסט מײַן פֿאַרטיידיגער קעגן אַלעמען.

מאָזער: (גערירט, נעמט איר אַרום) מײַן נעבאַכל! נו, גוט, איך וועל מאַן אַלץ וואָס איך וועל נאָר קענען, נאָר קעגן אונמעגלעכעס... (ער קלינגט) איך וויל זיך דורכשמועסן מיט דער מוטער.

9־ער אויפֿטריט

(ווילהעלם פֿון דער רעכטער טיר).

מאָזער: איז די מאַדאַם געהיים־ראַט אין דער הייב?

ווילהעלם: איך וועל זיך תּיכּף דערוויסן (אָפּ אין לינקער טיר).

10־ער אויפֿטריט

מאָזער: איך זעה פֿאָראויס דעם ענטפֿער... איך האָף אָבער אַז ניט פֿאַלגן

דער מוטער און אַזוי אַרום פּלאָגן איר דאָס האַרץ וועסטו זיך ניט ערלויבן...

כריסטינאַ: צושטערן מײַן גליק אומברחמנותדיק — דאָס וועט די מאַמאַ ניט קענען.

קאָן: (קושט איינגערעגט איר האַנט) ווי אַזוי זאָל איך פאַרדינען דאָס רעכט צו בעזיצן דיך, אַ זעלטן קינד?

כריסטינאַ: דורך ליבע....

קאָן: ערלויבט מיר הינרבריידן זיך מיט אייער פרוי...

מאָזער: (שנעל) מיר דוכט, מ׳וועט גלײַכער זײַן, אַז איך וועל זיך פריער דורכשמועסן מיט איר.

קאָן: (פאַרנויגט) איך אַזאַ אופן בלײַבט מיר נישט מער ווי אַוועקצוגיין מיט אַ שווער געמיט פון אונבאַוואוסטקײַט... ווען וועט איר מיר ערלויבן ווידער קומען?

כריסטינאַ: (מיט שרעק) פאַרלאָז מיך ניט איצט.

מאָזער: איר קענט דאָ בלײַבן. גייט אַרײַן מיט כריסטינען אין גאָרטן.

כריסטינאַ: פאָטער, ליבינקער!

מאָזער: אַז עס וועט קומען די צײַט וועל איך אייך רופן.

קאָן: איך בין גרייט יעדע מינוט צו פאַרטיידיגן מײַן גליק, מײַן לעבן!

מאָזער: פאַרוואָס אַזוי טראַגיש?

קאָן: ווי איך פיל, אַזוי ריידאיך! (אָפּ מיט כריסטינען אין דער לינקער גלעזערנער טיר).

11-ער אויפטריט

(אַ ווײַלע בלײַבט מאָזער אַליין, ער קוקט די בראָנזענע הענטל, לייגט איר צוריק און ווישט אָפּ שנעל אַ טרער פון אויג. עס קומט אַרײַן פרוי מאָזער פון דער לינקער טיר).

עמאַ: האָסט מיך געוואָלט זעהן, כריסטיאַן?

מאָזער: יאָ, ליבע עמאַ. זעץ דיך. (ער זעצט זיך אין פאָטער-שטול, עמאַ אַנטקעגן) דו ווייסט ווער עס איז בײַ מיר איצט געווען?

עמאַ: ניין, ליבער.

מאָזער: דאָקטאָר קאָן.

עמאַ: (אונצופרידן) אַזוי? וואָס האָט ער געוואָלט, דער הער?

מאָזער: (מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן) ער וויל... ער שדכנט זיך צו כריסטינען.

עמאַ: (שפּרינגט אויף און קוקט שווײַגנדיג אויף מאָזערן).

מאָזער: (נאָך אַ קליינע פּויזע) וואָס וועסטו זאָגן דערויף, עמאַ?

עמאַ: איך וועל קיין זאַך נישט זאָגן... איך בין פּשוט ערשטוינט... פֿון וואַנען נעמט זיך בײַ דעם הער אַזאַ... דו ווייסט כריסטיאַן, ווען אונזער לאַגע וואָלט ניט אויסגעשלאָסן יעדע מעגליכקײַט צו ריידן וועגן דעם, וואָלט איך פּשוט געמיינט, אַז ער האָט זיך געוואָטן מיט עמיצן וועגן דעם, שכורעדהייד.

מאָזער: (מיט פֿאָרוואורף) וואָס רעדסטו, עמאַ? דײַנע השערות באַליידיגן אין דער זעלבער מאָס אים און אונז.

עמאַ: נו, אויף אַזאַ אופֿן איז ער פּראָסט קראַנק אויף Mania grandiosa דערמיט קען ערקלערט ווערן בכלל זײַן אויפֿפֿירן זיך, וועלכע האָט זיך שטענדיג געוואָרפֿן אין די אויגן... אַ שאָד וואָס זײַן קריינקליכער צושטאַנד האָט אָנגענומען אַזאַ פֿאָרם.

מאָזער: הייסט עס, אַז די זאַך איז אוממעגליך.

עמאַ: און דו מיינסט דען אַנדערש?

מאָזער: אַך, מײַן גאָט, כ'פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר וואָלט געווען אָנגענעמער ווען דער פֿאָרשלאַג וואָלט ניט געמאַכט געוואָרן!

עמאַ: דו רעדסט פֿון דעם אַזוי רוהיג, ווי ס'וואָלט דיר גאָר ניט נוגע זײַן.

מאָזער: דו ווייסט ליידער נישט, עמאַ... אונזער אָרים קינד איז פֿאַרליבט אין קאָגען.

עמאַ: ניין!

מאָזער: יאָ, — זאָג איך דיר! זי איז פֿאַרליבט איבער די אויערן. און דערמיט מוז איך זיך רעכענען.

עמאַ: ס'איז פּשוט אוממבעגרײַפֿליך, וואָס כריסטינאַ איז פֿאַרליבט אין (זי דערהערט ניט) כריסטיאַן! אַ שווערע שולד האָבן מיר גענומען אויף אונזער געוויסן. מיר האָבן עס דערלאָזן, פֿאַר אונזערע אויגן איז עס פֿאָרגעקומען... מער וועלן מיר נישט באַזוכן קילגאָלטן, אויב אַ פּראָפֿעסאָר פֿערזאַמלט בײַ זיך אַזאַ מין געזעלשאַפֿט, מוזן מיר אים אויסמײַדן. מיר האָט זיך קיינמאָל ניט געחלומט אַז... אַז דער הער קאָן זאָל רעכענען פֿאַר מעגליך...

מאָזער: ערלויב... אויב ער איז ניט געוואונשן פֿאַר דיר אַלס איידים, דאַרפֿסטו דו דאָך זײַן ערלאַך אין דײַן באַציהונג צו אים בכלל...

ער איז יונג, האַלט זיך אָנגעשטענדיג, באַגאַבט און זייער שיין.

עמאַ: (שיסט אַרויס) פֿון וואַנען קען מען דערקענען אַז...

מאָזער: אַן און פֿיר זיך איז ער ווערטפֿולער פֿון אַ סך שטאַם־ליטעגאַנטן, אויף וועלכע מיר וואָלטן אין בעסטן אופֿן קענען האָפֿן...

עמאַ: אָבער כריסטיאַן, ער איז דאָך...

מאָזער: (קאַלט) אַ ייד. אַט פֿון דעם רייד איך טאַקע. דעריבער, זעסטו דאָך, בין איך פֿאַרזאָרגט, דעריבער פֿאָדער איך פֿון דיר אַן עצה.

עמאַ: ביך וואונדערט נאָר, וואָס דו וואַרטסט נאָך פֿון מיר אַן עצה. ס'איז אַ אונמעגליכע זאַך! אויף אַזוי ווייט אַ אונמעגליכע, אַז כדי קאַרל און ערנסט זאָלן זיך ניט שפּירן באַליידיגט, מוזן מיר די גאַנצע געשיכטע באַהאַלטן פֿון זיי.

מאָזער: (שטאַרקער ווי פֿריהער) דערויף קען איך דיר ענטפֿערן, אַז דיין פֿאָטער איז געווען ניט קיין ליטעגאַנט, נאָר אַ פּאָלקאָווניק און פֿונדעסטוועגן האָט ער אַזאַ שריט ניט געפֿונען פֿאַר אַ באַליידיגונג.

עמאַ: אָבער, כריסטיאַן, ווי קעסטו עס פֿאַרגלייכן! דו ביסט דאָך געווען אַן אָפֿיציר; מיין פֿאָטער האָט מיט זיינע אייגענע הענד דיר אָנגעטאָן אַן אייזערנעם קרייץ. דו ביסט אַ זון פֿון אַ רייכסטן און השובסטן מענשן אין לאַנד, דו ביסט געווען אַ קריסט און... איך האָב דיך געליבט...

מאָזער: אַט דאָס האָב איך געוואַרט... אונזער קינד איז איצט אין דער זעלבער לאַגע ווי דו ביסט געווען אַמאָל.
וואָס וואָלסטו געזאָגט, ווען דיין פֿאָטער וואָלט מיר אויף מיין פֿאַרשלאָג געענטפֿערט: „ניין, קיינמאָל ניט, בשום אופֿן ניט! גייט געזונטערהייד!?"

עמאַ: מען קען אַזוינס נישט פֿרעגן. ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז איך קען זיך גאָר ניט פֿאָרשטעלן מיין לעבן אָן דיר, נאָר אָנשויאונגען בייטן זיך... איין נישט ערפֿאַרענע מיידל קוקט גאָר מיט אַנדערע אויגן ווידער די, אויף וועמען עס ליגט אַ פֿאַמיליען־פֿאַראַנטוואָרטליכקייט!... קודם כל: קאָן האָט שוין צוגענומען קריסטנטום?

מאָזער: ניין, נאָך ניט.

עמאַ: דאָס אַפֿילו איך ניט?! כריסטיאַן, דאָס איז דאָך אַ פּשוטע משוגעת! כריסטינאַ מוז זיך באַטראַכטן, זי מוז צו זיך קומען...

מאָזער: איך וויל אָבער ניט זי זאָל ליַדן! איך וויל זי ניט מאַכן אומגליקליך!

עמאַ: איך ווייס, דו האָסט שטענדיג כריסטינען ליב געהאַט ביז משוגעת דו האָסט איר פֿון תמיד אָן פֿאַרגעטערט וויַל... וויַל זי איז ענליך צו דיַין מוטער.

מאָזער: געווים. צייטענוויַיז געפֿין איך, אַז זי איז ענליך צו דיר און אַזוי אַרום באַזיצט זי פֿאַראַמאַל אַלץ וואָס מיר איז ליב און טיַער... פֿאַרשאַפֿן איר ליידן — קען איך ניט.

עמאַ: דאָס איז פּשוט סענטימענטאַל. דו ביסט אַ ווייכער מענש און קענסט ניט אָפּזאָגן אַפילו דאַן, ווען מען דאַרף עס. מיין ניט, אַז איך ליב דאָס קינד ווייניגער, הגם איך געפֿין זיך ניט אונטער איר השפּעה. דער גרעסטער אומגליק פֿאַר איר איז — אָפּשטויסן זי, צושיידן זי מיטן פֿאַמיליע...

מאָזער: דאָס קען דיך דען צושיידן מיט איר?

עמאַ: מיך? נו, און דו אינגלאַך, און מיַין ברודער און אַלע איבעריגע?

מאָזער: הער, עמאַ, דערויף האָבן מיר נישט וואָס צו קוקן. כריסטינעס גליק איז מיר טיַערער פֿון אַלע קהלהשאַפֿטן. אין ערגסטן פֿאַל וועלן מיר אַוועקפֿאָרן פֿון די קרובים.

עמאַ: ווי גרינג דיר איז אַוועקצופֿאָרן! איך קען זיך אַזוי גרינג ניט צושיידן מיט די ערטער, אין וועלכע מיַין משפּחה זיצט שוין אַזוי פֿיל יאָרן.

מאָזער: (ערשטוינט) קיינער, איגענטליך פֿאָדערט עס ניט פֿון דיר. דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי. איך מיין, אַז הירכשמועסנדיג זיך מיט כריסטינען וועסטו אַליין פֿאַרשטיין, אַז מיר דאַרפֿן זיך רעכענען נאָר מיט איר.

עמאַ: איך האָף, אַז די וועט מיך פֿאָלגן.

מאָזער: דו האָסט זייער אַ שלעכטן מיינונג וועגן כריסטינעס כאַראַקטער. אַפילו מיך האָט ער ערשטוינט און פֿאַרוואונדערט. איך האָב גאָרניט חושד געווען אין אונזער קינד אַזוי פֿיל מוט און קלאָרן שכל. דער מענש וואָס האָט עס אַרויסגעבראַכט פֿון איר, מוז ווירקליך איר באַשערטער זיַין. דאָס איז אַ ריכטיגער באַווייַז.

עמאַ: מיר טוט שטאַרק לייד, וואָס איף דיַין שטיצע קען איך זיך ניט פֿאַרלאָזן.

עמאַ: יאָ, אויב דו ווילסט זיַין אַ שלעכטע, קענסטו זיך אויף מיַין

שמיצע ניט פארלאָזן. לויט מיין מיינונג קען די פראַגע געלעזט ווערן גאַנץ פשוט: צווינגען דאָקטאָר קאָן ער זאָל זיך שיידן און בייטן די פאַמיליע אויף אַזאַ, וועלכע קען אָנגענומען ווערן אין בעסערער געזעלשאַפט.

עמאַ: מען דאַרף אים נאָך דערצו צווינגען? דאָס איז הלכה זיך זעלבסט־פאַרשטענדליך און פריער פון אַלץ...

מאָזער: טו טאַקע די מיט אים אַ שמועס וועגן דעם. דיר וועט ער ניט קענען אָפּזאָגן. איך וועל אים אַ רוף טאָן (ער שטייט אויף)

עמאַ: וואָס? ער איז נאָך דאָ?

מאָזער: יאָ, ער שפּאַצירט אין גאָרטן מיט כריסטינען. (ער גייט צום גלעזערנעם טיר און מאַכט מיט די הענט צייכנס אין גאָרטן אַריין).

עמאַ: און דו האָסט עס ערלויבט! כריסטיאַן, איך דערקען דיך ניט!

12־ער אויפטריט

(כריסטינאַ קומט אַריין שנעל, געאַרעמט מיט קאָגען, קוקט אַרום אויף מאָזערן, וועלכער קוועטשט מיט די אַקסלען, לויפט צו דער מוטער און וואַרפט זיך אויפן האַלז. קאָן שטייט דערביי. מאָזער גייט אויך צו צו דער גרופּע).

כריסטינאַ מוטער, דיר געפעלט? דו ביסט מסכים?

קאָן: פון אייער אין וואָרט, גנעדיגע פרוי, הייננט אָפּ אונזער גליק אָדער אומגליק.

עמאַ: כריסטינאַ, זיי דאָך אַ ביסל פאָרזיכטיגער, באַטראַכט זיך...

כריסטינאַ: מוטער, ליבינקע, זיי אַ גוטע!

קאָן: אין איינס פאַרזיכער איך איך, מאַדאַם: כריסטינאַ וועט פאַר מיר אויך זיין דער זעלבער טייערער פערל ווי פאַר די עלטערן. אַלץ, וואָס ס'איז נאָר אין מענשנס כוחות צו טאָן, כדי צו באַגליקן די ליבסטע אין דער וועלט — וועל איך טאָן כל זמן איך וועל לעבן.

עמאַ: (איינגעשפּאַרט) אָבער מיין מאַן זאָגט, אַז איר זייט אַ ייד.

קאָן: יאָ, מאַדאַם, און איך בעט אייך: פאָדערט נישט פון מיר איך זאָל זיך אָפּזאָגן פון מיין יידישקייט.

עמאַ: ס'איז לחלוטין אוממעגליך מיין טאָכטער זאָל התונה האָבן פאַר ניט קיין קריסט. כריסטינאַ, דו וועסט זיך ניט אָפּזאָגן פון כריסטוסן, וועלכער האָט דיך אויסגעליטערט אויערלייזט מיט זיין בלוט!?...

כריסטינאַ: דאָס האָט לעאָ קיינמאָל פֿון מיר ניט געפֿאָדערט. איך וועל בלײַבן דאָס, וואָס איך בין, זאָל ער אָבער אויך בלײַבן דאָס וואָס ער איז.

עמאַ: קינד, אַזאַ זינד קען איך אויף זיך ניט נעמען. אַהינס וועט ניט געשיינקט ווערן ניט אויף דער, ניט אויף יענער וועלט. איך האָב אויך חתונה געהאַט פֿאַר אַ ייִדן, — נאָר ער איז שוין דאַן קיין ייִד ניט געווען; אַגב האָט מײַן פֿאָטער געהאַט אין שטוב אַ סך אַ גרעסערע שליטה. (צו מאָזערן) דו דאַרפֿסט זיך נישט באַליידיגן — אַזאַ אַלגעמיינע לאַגע איז געווען..... און ניט קוקענדיג אויף דאָס אַלץ וויפֿיל איז אונז אויסגעקומען דעריבער מלחמה צו האַלטן מיט אונזער הויזגעזינד.

מאָזער: דאָס הער איך צום ערשטן מאָל.

עמאַ: איך האָב דיך צו שטאַרק געליבט, אַז איך זאָל דיר עס דערציילן... נאָר בײַ איצטיגער שווערער לאַגע מוז איך עס דיר דערציילן.

קאָן: די מלחמה מיט אַלעמען נעם איך אויף זיך. מיר וואָלט זיך נאָר ניט וועלן פֿירן אַ מלחמה מיט אײַך.

עמאַ: איך קען אַזוינס אָבער ניט נעמען אויף מײַן פֿאַראַנטוואָרטליכקייט.

קאָן: איך שרעק מיך ניט פֿאַר אויסזעהן קאָמיש אין די אויגן פֿון מײַן געליבטערס מוטער..... איך בעט אײַך: מאַכט ניט קיין פֿאָראורטייל פֿאַר אַ מניעה, איבער וועלכע מיר קענען דעם קאָפּ ברעכן. איר זײַט אַ פֿרומע קריסטין. איר קענט דאָך ניט פֿאָדערן פֿון מיר — נישט גלויבין — איך זאָל כאָטש אויסערליך אָננעמען קריסטליכן גלויבן: דאָס וואָלט דאָך פּשוט געווען אַ פֿאַרשווערונג: פֿון דער אַנדער זײַט, וואָס קען מען דערגרייכן מיטן אויסטוישן די פֿאַמיליע?! נאָס-אינגלאַך וועלן מיר בכיון נאָכשרײַען די אָפּגעוואָרפֿענע פֿאַמיליע, בעת אַז איצט טראָג איך זי מיט שטאָלץ! אין דער זעלבער צײַט וואָלט איך פֿאַרשאַפֿט מײַנע קרובים גרוים עגמת נפֿש. מאַדאַם! איך האָב אויך עלטערן. איך האָב אויך אַ מוטער, וועלכע ליבט מיך ניט ווייניגער ווי איר אײַער טאָכטער. אײַער מוטער-האַרץ דאַרף איך פֿאַרשטיין דעם צושטאַנד פֿון מײַן מוטערס האַרץ. ווען איך וואָלט ביכולת געווען פֿאַרשאַפֿן קרייבקונגען מײַן מוטער, וואָלט איך ניט ווערט געווען אָנצורירן די הייליגע האַנט פֿון כריסטינאַ.

עמא: אבער מיר פארשאפן ליידן זייט איר יא בכולות...

כריסטינא: (נעמט ארום די מוטער) מוטער, ליבינקע, דאס וויל קיינער נישט.

קאן: מאדאם, קיינער פאדערט נישט פון כריסטינען, זי זאל זיך אפזאגן פון איר גלויבן, פון אירע עלטערן, פון איר פאלק, און פון מיר פאדערט מען עס...

עמא: איך גלויב אייך גערן, אז איר ווילט נישט פארשאפן אייער מוטער קיין עגמת נפש, נאר וועגן דעם האט איר בעדארפט פריער טראכטן. דאס האט אייך בעדארפט אפהאלטן פון דערנענטערן זיך צו אונזער קינד. האט זיך עס אבער געטראפן, האט עס שוין יא פאסירט—דאן קלייבט אים איינס פון די צוויי. און אויב איר האט ווירקליך ליב כריסטינען אזוי, ווי איך וואלט וועלן — דאן וועט איר פאר אים מקריב זיין אלץ אויף דער וועלט.

קאן: אלץ, וואס מען בעדארף נאר, געווים, מיט פארגעניגן, אבער כריסטינע פאדערט גארנישט איך זאל אזוי שרעקליך באליידיגן מיינע עלטערן און פארלירן יעדע אכטונג צו זיך אליין.
זייט רוהיג, — העכער פון מיין ליבע צו כריסטינען האב איך קיין זאך נישט. ווען מיין ליבע צו איר וואלט געווען פארפלאנטערט מיט מאראלישע פליכטן, וועלכע וואלטן בעדארפט געבראכן ווערן — אויך דאן וואלט איך געפינען אן אויסוועג פון דעם שרעקליכן אינערליכן צושטאנד, אבער דא איז אפילו קיין ענ-ליכעס נישטא! כריסטינא פאדערט נישט פון מיר איך זאל מיינע פליכטן נישט ערפילן.

כריסטינא איך וויל נישט פאראומגליקליכן דאס לעבן פון מיין געליבטן.

עמא: נאר דו ביסט גרייט צו פאראומגליקליכן די אייגענע הויזגעזינד.

כריסטינא: מוטער, דאס איז אכזריותדיג (וויינט).

מאזער: קינד מיינס, לעבן מיינער, נישט וויין. קיינער וויל דיר קיין שלעכטס נישט טאן. (צו עמא) גענוג שוין צו פלאגן דאס קינד (עמא קערט זיך אפ, פארטראכט זיך) טייערער דאקטאר קאן (ער גיט די האנט, וועלכע קאן דריקט שטארק) די לאגע איז אייך שוין גוט באוואוסט. באטראכט עס גוט.. מיר, פון אונזער זייט, וועלן עס אויך טאן. דער אדער יענער באשלוס וועגן דאס גליק פון מיין טאכטער, קען נישט געמאכט ווערן אזוי שנעל און איי-בערפלעכליך.

קאָן: איך בין גרייט נאָך צו שמאַכטן, אויב ס'איז נויטיג.... היינט עס — איך וואַרט אייער באַשלוס.

כריסטינא: ליבער, איך בין פעסט, אויף מיר קענסט זיך פאַרלאָזן!

קאָן: און איך וועל זיך שטענדיג מיהען צו פאַרדינען דיין איבערגעבענקטע, מיין ליבע, מיין טייערע.

(פלינק פאַלט דער פאָרהאַנג).

דריטער אַקט.

א רייכער סאלאָן ביי מאָזערן, אין הינטערשטער וואנט — דריי פענסטער. צווישן די פענסטער—בילדער פון גענעראלן אין אוניפאָרם. רעכטס—אויפן ערשטן פלאן—א טיר. לינקס—צוויי טירן. צווישן די טירן א קאמין. פארן קאמין—א זאָפע מיט צוויי פאָטעלן. אין מיטן צימער—אַ פאלמע. ארום — קיילעכדיק מעבל.

1-טער אויפטריט

קווינקע: (אין אַ לאַנגן, שוואַרצן, אַלטמאָדישן סורטוק און ווייסן האַלז-טוך זיצט אין פאָטעל) איך פאַרשטיי לחלוטין ניט, ליבע עמאַ, צו וואָס דאַרפסטו נאָך ישוב הדעת. האָסט פשוט באַדאַרפט גלייך אָפּשטעלן דעם פרעכן מאַן און באַווייזן אים די טיר...

עמאַ: (אין זאָפע) יאָ, נאָר דו פאַרגעסט, אַז מיין מאַן האָט שוין אויף העלפט אַזוי גוט ווי מסכים געווען און אַז קאָן האָט אין גאַנצן באַהערשט כריסטינעס האַרץ.

קווינקע: דאָס דאַרף מען גאָר אין אַכט ניט נעמען: דו ביסט אַ מוטער און דערצו אַ פאָרשטייערין פון קריסטליכע בעשיידנקייט און גאָטספאָרכטיקייט. דו ביסט מחויב נאָכצוזעהן, אַז אין דעם הויז זאָלן אָפּגעהיט ווערן אַלע דינים און מנהגים פון אונזער גלויבן. דו האָסט זיך אַרויסגעוויזן פאַר צו שוואַך. כריסטינאַ מוז דיך פאָלגן, און דיין מאַן וועט ניט טאָן קעגן דיין און אונזער אַלעמענס ווילן. דאָס טרעפט מיט אים בכלל צום ערשטן מאָל. ביז איצט האָט ער זיך אויפגעפירט זייער טאַקטיש. ער פאַרשטייט דאָך צו וואָס אים פאַרפליכט זיין קרובהשאַפט מיט אונז....

עמאַ: יאָ, עס איז מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו דערמאָנען אים וועגן דעם. שוין 26 יאָר ווי מיר לעבן צוזאַמען בשלום און גליקליך, טאָ ווי אַזוי קען איך איצט גיין קעגן אים?

קווינקע: איך בעדויער צוזאַמען מיט דיר, וואָס עס קומט אים צו באַ-

נוצן זיך מיט אַזעלכע מיטלען, נאָר... עס טרעפֿן מאָמענטן, ווען מען מוז זיך קעגנשטעלן ווי איין, פֿון גאָט געשיקטער, סאָלדאַט... מאָמענטן, ווען אַפֿילו דער אַפּאָסטאָל פּעטער וואָלט ענטבלויזט דעם שווערד! דערמאָן זיך, וויפֿל אויגן עס קוקן אויף אונז! געדיינק, אַז מיר דינען אַלס ביישפּיל פֿאַר טויזנטער אומשולדיגע נשמות... ווי איז דען, ווער עס גיט נאָך דעם יצר הרע אין פֿלאַנצט פֿאַרפֿירעניש!...

עמא: איך האַלט אויך, אַז עס איז אוממעגלעך מײַן טאָכטער זאָל חתונה האָבן פֿאַר אַ יידן און דעריבער פֿאָדער איך, ניט אַנדערש, ער זאָל זיך שמדן...

קווינקע: (רײַסט איבער אירע רייד) וואָס זשע וועט אַרויס דערפֿון? אַ ייד וועט בלײַבן אַ ייד... דאָס צוגעמען קריסטנטום קען לײַטערן נאָר נשמות פֿון אמתע מאמינים, אָבער דאָס קען לחלוטין ניט רייניגן קיין נידעריג און שמוציג בלוט...

עמא: לעבערעכט, מײַן מאַן איז דאָך אויך אַ ייד!

קווינקע: (שפּרינגט אויף און שפּרײַזט איבערן צימער) אָט האָבטו דיר דעם פּועל יוצא. אָט האָב זײַנען די פֿאָלגן. טו איצט, וואָס דו ווילסט. אָ, מײַן אָרימע עמאַ: איך האָב אָבער שטענדיג מורא געהאַט, אַז ווען עס איז וועלן מיר דערפֿילן די אייביגע קללה, וואָס ליגט אויף דעם פֿאָלק. איך האָב כּסדר גאָט געבעטן, אַז דער אומגליק זאָל אונז מײַדן... איך ווייס נישט צי איז מײַן תּפֿלה אָנגענומען געוואָרן. ס'איז ניט שיין פֿאַר מיר איך זאָל דן זײַן לכּל הוב אונזער פֿאַרשטאָרבענעם פֿאָטער, נאָר איך מוז דאָך זאָגן, אַז ער איז געווען בלויז אַ סאָלדאַט און איסער זײַן מיליטערדינסט האָט ער קיין זאַך ניט געוואוסט. מיט זײַן ערליך האַרץ האָט ער איינפֿאַך און פּרימיטיוו ערפֿילט זײַנע פֿליכטן און ווײַטער האָט ער אַליץ געלאָזן אויף גאָטס בעראָט. אַלס אַ גאָטספֿאָרכטיגער קריסט קען איך גאָרנישט האָבן קעגן בטחון, דאָך האָט יעדער מענטש רעכט אַרײַנמישן זיך אַ ביסל בנוגע דער ריכטונג פֿון זײַן אייגענעם לעבן. דער פֿאָטער האָט גאָר ניט אַ טראַכט געטאָן וועגן די פֿאָלגן פֿון זײַן אַרײַננעמען אַ יידן אין אונזער פֿאַמיליע. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז דאָס מוז זיך אָפּרופֿן איפּ קומענדיגן דור. נאָט צו דאַנקן — קאַרל און ערנסט זײַנען ענליך צו דיר, זיי זײַנען עכטע קווינקעס, נאָר כריסטינאַ — זי איז בײַ מיר שטענדיג געווען אין חשד.

עמאַ: מיר פֿון אונזער זײַט האָבן אַלץ געטאָן, עס האָט איר קיין זאַך ניט געפֿעלט, ניט קיין ליבע צו איר, ניט קיין ערציהונגס־מיטלען. וואָס ס'איז שייך די רעליגיעזע ערציהונג — איז די זאַך אין גאַנצן געווען אין דײַנע הענט.

קווינקע: יאָ, נאָר דאָ קומט שוין אויס האָבן צו טאָן מיט אַ טיפּן, אינער־ליך־פֿאַרבאָרגענעם ווידערשטאַנד, וועלכער איז, לויט זײַנע אייבערליכע סימנים, כמעט אומבאַמערקלעך. אָט וועסטו זען: עס קומט מיט אַמאָל עפּעס אַ... קאָן אין די דערשפּירט שוין, אַז זי געהערט אים. קענסטו זיך דען, אַשטייגער, פֿאָרשטעלן, אַז קאַרל, אָדער ערנסט זאָלן זיך פֿאַרליבן אין אַ יידיש מיידל?

עמאַ: געלויבט איז גאָט — קאַרלען האָט געלונגען צו אויסקלײַבן זיך אַ שידוך און ערנסט, האָף איך, וועט מיך אויך פֿאָלגן...

קווינקע: ווי עס ווײַזט אויס, פֿאַרמאָגט כריסטינאַ, אַפֿניִם, אייגענע זיטן, וועלכע ציען צו צו זיך דעם יידן און מאַכן אים דרייכט... איך צווייפֿל גאָר ניט, אַז אָט דער מזרח־מענטש, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זײַן פֿאָלק איז אַ קשה־עורף, וואָלט אַפֿילו ניט געהאַט קיין העזה צו דערגעהענטערן זיך צו אַ מיידל פֿון ריין קריסטלעכן אָפּשטאַמונג.

עמאַ: איך בעט דיך, ברודער, באַפֿרײַ מיך פֿון דײַנע אָנצוהערענישן וועגן דעם אָפּשטאַמונג פֿון מײַנע קינדער.

קווינקע: דאָס פֿאַרמאַכן די אויגן וועט גאָרנישט העלפֿן. שטענדיק וועט בײַ אונז אין שטוב בלײַבן דאָס קראַנקע אָרט און וועט צוציען צו זיך די העסלעכע פֿליגן, וועלכע טראָגן פֿאַנאַנדער דעם פּעסט אַלץ טיפֿער און ווײַטער... טאָג און נאַכט מוזן מיר וואַכן און היטן, דער פּעסט זאָל זיך חס ושלום ניט פֿאַנאַנדערשפּרייטן ווײַטער...

עמאַ: (ערביטערט) וואָס זשע טוט מען, לעבן־לעבט, וואָס טוט מען?

קווינקע: זײַ שטאַרק בײַ דיך. איך וועל דיך שטיצן. כריסטיאַן זעט וועלן דאָס, וואָס דו ווילסט און וואָס מיר אַלע ווילן.

עמאַ: אָבער כריסטינאַ?

קווינקע: צי דען האָט זי די טומאה, פֿאַרן טאַטנס זינד, אַזוי שטאַרק באַהערשט, אַז זי וועט גיין קעגן רצון פֿון די עלטערן?

עמאַ: איך ציטער דערפֿאַר. ווי נאָר זי ווערט אַ בגרות פֿאַרלירן מיר בכלל די שליטה איבער איר.

קוויגקע: אויב זי וועט אַליין דערגיין צו אַזאַ העסלעכע פּרעכקייט. הייסט עס, אַז זי האָט אַליין בידים צוריסן דאָס בלוט-פאָדים, וועלכע בינדט אונז צוזאַמען און דאַן זאָל זי גיין וואוהין זי וויל, מיר האָבן מיט איר קיין מגע ומשא ניט.

עמאַ: אָפּשטויסן איין אייגן קינד? קיינמאָל און בשום אופן ניט!

קוויגקע: זיי רוהיג, עמאַ, אַזוי ווייט וועט עס ניט דערגיין. ס'איז גענוג איין התראה. אַז דער יידל וועט דערזעהן, אַז מיר זאָגן זיך אָפּ פון כריסטינען און אַזוי אַרום פאַרלירט זי די האָפנונג אויף ירושה,—וועט ער זיך תיכף אָפּזאָגן פון איר. אָ, שרעק זיך ניט, זאָל ער זיך נאָר דערוויסן, אַז ער דאַרף חתונה האָבן מיט אַ אָרים מיידל, וועט ער זיך שוין בעסער אויסזוכן אַ כלה צווישן איי־גענע...

2-טער אויפטריט

(ס'קומען אַריין קאַרל, ערנסט און מאַריאַ. אַלע פון דער לינקער טיר).

קאַרל: (טרויעריג) זעסט, מוטער, דו האָסט מיר דאַן, ביי פּראָפע־סאָר קילנאָלט ניט ערלויבט, איך וואָלט איהם אונטערגעהאַקט די פליגלען...

עמאַ: איך קען דאָך נישט ערלויבן קיין גוואַלד-טאַטן.

קאַרל: און אַריינרייסן זיך צו אונז — איז ניט קיין גוואַלד-טאַט?

מאַריאַ: און דראָהען אונזער גליק?!

קוויגקע: איך רעכן אויך, אַז בכלל דאַרף מען אויסמיידן גוואַלד-מעשים; איבערהויפּט נאָך בנוגע די דאָזיגע פּאַרשוינען, — וואָלט עס להלוטין קיין העלדישקייט ניט געווען. נאָר דאָס שליסט ניט אויס דעם פאַל, דו זאָלסט — מיט נעגוג דרך ארץ, פאַרשטייט זיך — ערקלערן דעם פאָטער דיין באַציאונג צו אַזעלכע קרובים און אַגב אויך ערקלערן דעם הצפּאדיגן יידל, אָבער אַזוי, אַז ביי איהם זאָל שוין קיינע ספקות אין דעם דין ניט בלייבן, ווי אַזוי דו באַנעמסט און באַציסט זיך צו זיין שריט.

ערנסט: מער ווי דאָס פעלט שוין ניט! האָבן נאָך דעם יידל פאַר אַ שוואָגער: נאַט, גיט אַ קוק... ביז איצט האָב איך עס אייך ניט געוויזן, הנה דאָס ליגט שוין ביי מיר מער ווי אַ וואָך (ער נעמט אַרויס אַ בריוו און גיט דער מוטער).

עמאַ: (לייענט) „הערן ערנסט-יצחק מאָזעס-מאָזער, אָדער מאָזער־

קווינקע, מיטגליד פון פראַנקאָ-טורינגיען, דאָ. (וואַרפט דאָס פּאַפּירל אויף דער ערד מיט האַס).

ערנסט: (הויבט אויף דאָס בריוועלע און לייענט אין קעשענע) יאָט אַזעלכע שווײַנערײַען קומט עס אים איבערצוטראָגן...

קאַרל: אַן אַנאָנימער בריוועלע, מסתמא? וואָס?

ערנסט: יאָ... און אַפילו אויף הועל קען מען נישט אַרויסרופן דעם אויסוואורף!

קאַרל: דאָס איז ווירקליך אַ מלאכה פון עפּעס אַ אויסוואורף, אויס קנאה צו דײַן קאָרפּאָראַציע.

קווינקע: איך מיין, אַז ניכער פון אַלץ האָט עס געטאָן אַ ייד, כדי וואַרפן אויף דיר אַ שאָטן פון ערנידערונג, און וועלכע ער אַליין געפינט זיך. וואָס איז געשריבן אין בריוו?

ערנסט: גאָרנישט, עפּעס אַ פּלוידערײַ, וועלכע איך פאַרשטיי גאָרניט. דאָס איז אָבער אַ קלייניקייט, דעם בריוו האָב איך נאָר אַליין געלייענט, אָבער דעם קאָנווערט האָט געלייענט די גאַנצע קאָרפּאָראַציע.

קווינקע: וואַרפן אין צווייטן אַ שטיין אומגעריכט פון אַ פינסטער ווינקל — דאָס איז נאָר אַ יידישע מלאכה.

ערנסט: איך פאַרשטיי ניט: מאָזער איז דאָך די ריכטיגע פאַמיליע דעם פּאָמערס, איך בין דאָך געבוירן אַ מאָזער... טאָ ווי אַזוי זאָגט ער?...

קווינקע: ליבער ערנסט, ערגער זיך ניט דערפון. איר בײדע זײַט בערופן צו אַוועקשטעלן דעם נאָמען מאָזער אויף דער העכסטער הייך און איך האָף נאָך דערלעבן די שעה, ווען איר וועט געזעצליך קענען אָנגערופן ווערן — „מאָזער-פאָן-קווינקע". דערצו שטרעב איך און מען דאַרף מיר נאָר ניט שטערן דעם וועג.

3-טער אויפטריט

(קריסטינע עפנט די לינקע טיר. דערזעהענדיג דעם עולם, וויל זי צוריק פאַרמאַכן די טיר).

קווינקע: (דערזעהט זי, לויפט צו איר, נעמט זי פאַרן האַנט, פירט זי אַרויס אויפן מיטן בינע און רעדט צו איר אוננאַטירליך ווייך) צי דען איז עס טאַקע שוין אַזוי ווײַט אַוועק, אַז דו האָסט מורא אַ קוק צו טאָן אונז אין די אויגן?

קריסטינא (בעפרײַט ליכט די האַנט, גייט צו דער מוטער, קושט זי) איך

האָב נישט וואָס מורא צו האָבן, נאָר איך וויל פּשוט ניט הערן קיין רייד, וועלכע פֿאַרשאַפֿן מיר האַרצווייטאָג.

קוינקע: (צוערשט נאַטפֿאָרלטיג, וואָס ווײַטער אַלץ נערוועזער) ווער זשע איז שולדיג אין דעם, וואָס מען בעדאַרף וועגן דיר ריידן? מען האָט דיך מײַן קינד, פֿאַרפֿלאָנטערט, דו ביסט פֿאַרבלענדט...

כריסטינא: (שלאָגט איבער, ענטשלאָסן) בעדויער מיך נישט, פֿעטער, נישטאָ קיינע סיבות דערצו.

ערנסט: (אָנגעצונדן) דאָס וואָס די מוטער איז פּשוט?...

קוינקע: בארוהיג זיך, ערנסט. מיט דײַן איפֿגערעגטקײַט שרעקסטו נאָר דאָס קינד. כריסטינא דאַרף אונז אַליין גלייבן, זי דאַרף וויסן, אַז מען היט זי, מען זאָרגט וועגן איר און זוכן אַן אויסוועג פֿאַר איר.

כריסטינא: (גייענדיג צום טיר) איר אַלע ווילט געוויס מײַן טובֿה, איך בין אײַך זייער דאַנקבאַר דערפֿאַר, נאָר... נאָר איך וויל מער נישט ריידן וועגן דעם.

קוינקע: (נעמט איר פֿאַרן האַנט) גיי נישט אַוועק, מײַן קינד, זעץ זיך און הער מיך אויס (זעצט איר אַוועק אין אַ פֿאָטעל און זעצט זיך אַליין אויך נעבן איר אין אַ פֿאָטעל) איך בין געקומען אַהער, כּדי דורכצוריידן זיך מיט דיר ערנסט און האַרציג. פֿון דײַן מוטער, פֿון דײַנע ברידער האָב איך זיך דערוואוסט אויף וואָס פֿאַר אַ דרך דו ביסט אַוועק...

כריסטינא: (מיט אַ בקשה־טאָן) פֿעטער, איך בעט דיך, הער אויף.

קוינקע: (מיט אַ צבֿועקישן טאָן) מײַן שוואַכע, אָרימע קינד, שטיים ניט אָפּ קיין רפֿואה, ווען זי איז אַפֿילו אַ ביטערע, — זי וועט דיך היילן. בעטראַכט מיך נישט נאָר אַלס אַ פֿעטער און פֿרײַנד, ניין, קוק אויף מיר ווי אויף אַ מענטש, וועלכער האָט דיך גע־היילט און פֿאַר גאָטס קינד געמאַכט. איך האָב דיך געטויפֿט, געבענטשט און פֿון גאָטס הייליג טיש דיר דעם תּמצית החיים געגעבן. ווען מען האָט דיך, אַ קליין, שוואַך ווערימל געבראַכט צו מיר און איך האָב אויף דיר הייליג וואַסער געשפּריצט, האָב איך דיך דאָפּעלט געבענטשט, ווײַל מען האָט בעדאַרפֿט אָפּוואַשן די אַלטע זינד, מען האָט בעדאַרפֿט פֿאַרלעשן די פֿונקען פֿון אַלטן חטא... שוין זשע וועל איך דערלעבן זעהן, אַז מײַנע מעשׂים זײַנען אַוועק לאיבוד, אַז מײַן פֿלאַנצן ברייננט נישט קיין פֿרוכט?!

כריסטינא: (מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן) מ׳ווײַזט אויס, אַז איך פֿאַרשטיי

ניט נאר גוט קיין מליצה... נאר איך רעכן, אז איך האב קיינמאל נישט פארגעסן די תורה פון כריסטוס.

קווינקע: (נאך אלץ צבועקיש, נאר ס'איז שוין צו מערקן זיין פארשטיקטע אויפרעגונג) דו האסט דאך געלערנט, דו ווייסט דער כ'האט געקרייצט אונזער גאט, יעזוס כריסטוס?! א קריסטין טאר קיין מגע ומשא ניט האבן מיט יענע, אויף וועמען עס לויערט א אייביגע קללה.

כריסטינא: (שמייכלט) דער, וועגן וועמען דו רעדסט איז ניט פייאג ניט נאר א גאט קרייצן, נאר אפילו א פליג אנרירן.

קווינקע: אין דיין ענטפער הערט זיך שוין קלאנגען פון דייטשישע פריי־דיינקעריי... דאס איז שוין פון נאהענטקייט צו טומאה... אלס דיין גייסטליכער און טויף־פאטער בין איך דיר מתרה און ווארן דיך: האב ניט התונה מיט קיין יידן! דו וועסט פארשווערן דיין נשמה אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט; דו וועסט באגיין א פארברעכן קעגן דיינע עלטערן און קעגן גאט דעם הייליגן.

כריסטינא (ענטשלאסן) פאטער, דאס קען פאריבל ניט, נאר איך גלויב נישט אין דעם. מיינע עלטערן זאגן מיר דאס ניט.

קווינקע: (מיט פארדראס) עמא, שווייג זשע ניט, ענטפער איר:

כריסטינא (גייט שנעל צו דער מוטער, קושט איר די האנט) איך טו ניט קיין פארברעכן קעגן מיינע עלטערן, און מיין גאט, וועלכער לעבט אין מיין נשמה, וועלכן דו אליין האסט מיך געלערנט ליבן, מיין כריסטוס קען איך אלס א גאט פון ליבע, וועלכער ליבט דאס גאנצע מענטשהייט אן אויסנאם; מיין גאט האט קיינעם נישט פיינט און אפשיטא שוין יידן...

מאריא: זיינע פערזענליכע שונאים!...

כריסטינא האט ליב אייערע שונאים! — האט כריסטוס געהייסן. און דאס, וואס ער איז אויף דער וועלט געקומען אין א געשטאלט פון א יידן — איז ניט קיין צופאל. מיט א כונה האט ער אויסדער־ווילט דאס יידישע פאלק פון אלע אנדערע, כדי פון איר אנ־פאנגען דאס ערדישע לעבן דורכמאכן! איך בין נאך קיינמאל ניט געוועזן אזא ערנסטע קריסטין ווי פון דאמאלסט אן, זינט איך האב ליב געקראגן א יידן!

קווינקע: (שארף) גענוג! א ווארט נישט מער! דו זינדיגסט! (צו די איבעריגע) אט איז דער פועל יוצא פון פארפעסטעטע וויר־

קונג! כריסטינא, וואָס איז מיט דיר געוואָרן? ניין, דו ביסט שוין נישט מער מיין ליבע טאָכטער-קינד, וועלכע באַציט זיך מיט דרך ארץ צו אַלץ, וואָס דרך ארץ פאַרדינט. אין דיר רעדט שוין דער טייוולאָנישער ביטול צו אַלץ וואָס הייליג איז! פון דיין מויל שפּריצט שוין גיפט... אָט האָט איר אַ ביי־שפּיל, וואָס פאַר אַ חורבן אַ ייד קען מאַכן אין אַ נשמה פון דער בעסטער קריסטין. די דייטשע פאַמיליע, אין וועלכע אַ ייד רייסט זיך אַריין — גייט צו גרונט, צוליב איהם ווערט חרוב זיטלעכקייט, אַנדעכטיקייט און אַלץ וואָס פאַרמאָגט נאָר אין זיך הערלעכקייט און אידעאַל...

כריסטינא (ענטשלאָסן) איך האָב אַזוינס ביי מיינע עלטערן ניט געזעהן!

קווינקע: (צו עמאַ׳ן) זעסט, ווידער שטייען איך פאַר אונז די פאַר־שוואונדענע גייסטער!

מאַריאַ: (נעמט אַרום כריסטינען) כריסטינאַ, וואו איז דיין שטאָלץ? ווי קענסטו טאָן אַזאַ קרומע זאַך, חתונה האָבן מיט אַזאַ... ערנסט האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין פאָטער רופט מען אַנשל... אַנשל!...

ערנסט: יידן רעדט ער אויף אַ מין טאַראַבאַרישע שפּראַך און איז אַ שטיקל האָרף-קרעמערל. זיין מוטער רופט מען חנה, זי טראָגט אַ פּאַריק...

מאַריאַ: דו ביסט אַזוי שיין, יונג, רייך. ווען דו זאָלסט נאָר וועלן, וואָלטן פילע שיינע יונגע לייט פון גרעסטן יחוס געקניט פאַר דיינע פיס.

כריסטינא (וויל זיך באַפרייען) לאָז מיך צורוה, מאַריאַ!

מאַריאַ: (האַלט זי שטאַרק) טו עס מיר צוליב, טייערע כריסטינאַ. אויב דו וועסט חתונה האָבן מיט דעם... הער, וועט מיר דער פאָטער פאַרווערן צו חתונה האָבן מיט קאַרלען.

כריסטינא (פאַרוואונדערט) וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות צו מיין חתונה?

קווינקע: איך בין אַ גאָטס דינער. כדי איך זאָל מיינע, פון גאָט געגעבענע, פליכטן ערפילן, מוז איך האָבן דעם צוטרוי, פון אַלע גלויביגע און גאָטספאָרכטיגע. און די דאָזיגע גאָטס מתנה וועל איך אונ־פערמיידליך פאַרלירן, וואָס מער איך וועל פאַריידישן מיין פאַ־מיליע. מען רעדט שוין אַזוי איך ווען מיינע קרובים, וואָס זשע וועט נאָך זיין, אַז קאַרל וועט חתונה האָבן מיט מיין טאָכ־טער? אויב מיין טאָכטער וועט נאָך ווערן אַ שוועגערין פון אַ,

ווייס איך וועמען, פֿון עפּעס אַ... קאָן, — דאַן וועט מיר מיַין געוויסן פּשוט ניט דערלאָזן צו בלייַבן דער גייַסטליכער מנהיג פֿון דער קריסטליכער באַפֿעלקערונג. מיט דייַן עקשנות האָסטו דאָס גליק פֿון דייַן ברודער און שוועסטערקינד.

קאַרל: אויב בייַ דיר איז נאָך געבליבן כאָטש אַ פֿונק ברידערליכע ליבע צו אונז, צו אונזער הויזגעזינד — וועסטו עס גיט טאָן.

כריסטינאַ (מיט גרויס פֿאַרדראָס) אונטער אַ סך אַ גרעסערן ספק איז דייַן ברודערליכע ליבע, ווידער מייַנע. איר אַלע ווילט איך זאָל מקריב זייַן מייַן גליק צוליב אייערן... וואָלט זיך דאָ האַנדלען נאָר וועגן מייַן פּערזענליכן גליק, וואָלט איך עס אפשר טאָן, נאָר איך האָב געגעבן אַ וואָרט און מייַן... (ענטשלאָסן) מייַן התן (אויפֿגערעגטע באַוועגונג צווישן קאַרל, ערנסט און קוויני־קע) וואַרט מיך. ער זאָגט זיך פֿון מיר ניט אָפּ און איך האָב קייַן רעכט ניט צו אָפּזאָגן זיך פֿון אים.

מאַריאַ: איך האָב דיך קיינמאָל ניט גערעכנט פֿאַר אַזאַ עגאָאיסטין. דאָס איז נאָר ניט קייַן דייַטשישע מדה!...

קוויניקע: איפֿיגעניע האָט זיך ניט פֿאַרטראַכט אָפּצוגעבן איר לעבן פֿאַרן פֿאָלק, וועלכע דאַרף זייַן פֿאַר אַ מענטשן, אַלעמאָל גיט טייַערער ווי די אייגענע פֿאַמיליע! אָט אַזוי האָט געפֿילט און געטאָן אַ אַריִער מיידל נאָך אין די פֿינסטערע צייַטן פֿון געצנדינערייַ...

כריסטינאַ מאַכט עס קירצער, רופֿט שוין מיך פּשוט אָן „יידיש מיידל" און פֿאַרטיק. איך האָב גאָרנישט קעגן דעם.

ערנסט: אָט, וואָס מיר האָבן דערלעבט! איטאַליענישע אַריסטאָקראַטן האָבן מיט די אייגענע הענט געהרגעט זייערע שוועסטער, וועל־כע האָבן געוואַגט צו פֿאַרשמוצן דעם כבוד פֿון זייערע פֿאַ־מיליעס...

כריסטינאַ טאָ הרגעט מיך און יוצא! וועט לפּחות זייַן אַ סוף צו דעם פּייַניגן. (צו עמאַ) אָ, מוטער!

עמאַ: קום אַהער, מייַן קינד. דייַן בחורער רעט נאַרישקייַט. האָב איך איב קייַן פֿאַריבל ניט. איר זייַט אַלע צו ווייַט פֿאַרקראָכן. דו אַליין פֿאַרפֿירסט קריגערייַ אין שטוב. דאַרפֿסטו פֿאַרשטיין...

4־טער אויפֿטריט

(מאָזער קומט אַרייַן פֿון דער רעכטער טיר).

כריסטינאַ (לויפֿט אים אַנטקעגן און פֿאַלט צו אים צו) פֿאָטער, לי־

בינקער, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרברעכן בין איך בעגאַנגען? פֿאַרוואָס רײדן זײ צו מיר אַזוי, ווי מען האָט נאָך מיט מיר קײנמאָל ניט גערעט?

מאָזער: (נעמט איר אַרום און קושט איר צערטליך דעם קאָפּ) באַרוהיג זיך, כריסטינאַ. באַרוהיג זיך, מײַן קינד. (גיט קווינקען די האַנט) דו האָסט גערעט מיטן קינד וועגן יענעם... ענין?...

קווינקע: (קוים וואָס ער גיט די האַנט, מיט אַ שטרײַנגן קול) יאָ, וועגן דעם ענין, פֿון וועלכן איך האָב זיך דערוואוסט ניט פֿון דיר, שוואָגער!

מאָזער: איך וואָלט איבּ נישט פֿאַרלײקענען פֿון דיר.

קווינקע: דו וואָלסט מיר געזאָגט דאַן, ווען ס'וואָלט שוין צו שפּעט געווען!... כריסטיאַן, איך דאַרף זיך מיט דיר דורכרײדן.

כריסטינאַ (טרויעריג) פּאַפּאַ!

מאָזער: באַרוהיג זיך, קינד. (צו קווינקע) קום אַרײַן אין קאַבינעט.

קווינקע: ניין, לאָמיר בעסער בלײַבן דאָ, (ווײַזט אויף די בילדער) פֿאַר מײַן פֿאָטער און זײדע, פֿאַר וועלכע דו האָסט גיט אָן אַ כונה אײַנגעקליבן דאָ אַן אָרט. זײ דאַרפֿן דיר שטענדיג דינען אַלס בײַשפּיל און דאַרפֿן דיר הײליג זײַן. (צו אַלע) גײט! (עמאַ, קאַרל, ערנסט און מאַריאַ אָפּ אין דער לינקער טיר).

מאָזער: (צו כריסטינאַ, וועלכע שטײט נאָך אַלץ נעבן אים) גײ מײַן קינד. (כריסטינאַ אָפּ אין דער רעכטער טיר).

5-טער אויפֿטריט

קווינקע: (פֿײַערליך) די שוועסטער מײַנע האָט מיך אין אַ עת-צרה צו הילף גערופֿן: אַלס ברודער און קריסטלעכער פּאַסטאָר בין איך מחויב געווען צו פֿאַרנעמען איר געבעט.

מאָזער: (מיט אַ כלומרשטע גוטמוטיקײַט) מײַן גאָט, ווי פֿײַערליך!... פֿאַרגעס, מײַן שוואָגער, וואָס דו ביסט אַ פּאַסטאָר און לאָמיר רײדן ווי פּראָסטע בשר ודם.

קווינקע: (שאַרף) אויף אַלץ איז דאָ אַ צײַט! דאָרט וואו ערנסט איז גוטיג פּאַסט ניט קײן וויץ... באַמיה זיך איבערצײַגן אַזוי, אַז דו זאָלסט קענען אָפּשאַצן די וויכטיגע בעדײַטונג פֿון אונזער שמועס. מיך האָט שטאַרק איבערגערעגט דאָס, וואָס דער ענין האָט אָנגענומען אַזאַ ווײַטע ווענדונג. איך האָב געדאַכט

געגוג גרונד צו האָבן, אַז דו וועסט ניט דערלאָזן צו אַזאַ אומער־הערט חוצפּהדיגן פֿאָרשלאָג!

מאָזער: כּדי רעכט צו האָבן אָפּשטויסן יענעם, דאַרף מען פֿריער אויסהערן, וואָס ער וויל.

קווינקע: דערויף איז גענוג איין וואונק. נאָר, צו מײַן גרויס בעדויערן, דערציילט עמאַ, אַז דו קענסט ניט באַשליסן, דו צווייפֿלסט, אַז דו ביסט... כּמעט מסכּים און אַז צוליב דעם איז זי אויך אין פֿערלעגנהייט... איך קען דאָס פּשוט ניט בעגרייפֿן און וויל ניט גלויבן!

מאָזער: יאָ, אויב דו ווילסט איז עס... איז עס אַ טרויעריגער פֿאַקט...

קווינקע: אויב איך וויל?...

מאָזער: יאָ, דאָס, וואָס מײַן כריסטינאַ האָט זיך פֿאַרליבט אין דעם יונגן מאַן.

קווינקע: די פֿליכטן וועלכע דו טראָגסט אַלס פֿאָטער פֿון אַ קריסטליכע פֿאַמיליע. טאָרסטו ניט מקריב זײַן צוליב נאַרישע קאַפּריזן פֿון אַ קליין מיידל.

מאָזער: (באַליידיגט) ביז איצט, ליבער לעבערעכט, בין איך געווען דער מיינונג, אַז איך האָב ערליך ערפֿילט מײַנע התחייבֿותן בנוגע דער פֿאַמיליע.

קווינקע: יאָ, איך גלויב, אַז דו ביסט געווען דער מיינונג... התחייבֿות איז בכּלל אַ בעגריף אַ ציה־באַרער. אַנדערע פֿאַרשטייען אַליין דעם סך הכּל פֿון זייערע פֿליכטן און אַנדערע דאַרפֿן עס ניט בּיכּולת צו פֿאַרשטיין און מען מוז זיי אָנווײַזן... איך וואָלט וועלן אַדריכרופֿן בײַ דיר אַ באַוואוסטזיניגע באַציהונג צו דײַן אייגענער לאַגע אין דער געזעלשאַפֿט, ווי אויך צו אונז אַלעמען.

מאָזער: ערלויב...

קווינקע: דו ביסט ברידערליך צוגענומען געוואָרן אין אַ דײַטשיש הויז. מיר האָבן דיך באַרעכנט אַלס איינעם פֿון אונזערע און האָבן זיך באַצויגן צו דיר, ווי צו אַן אייגענעם. מיר האָבן דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה, אַז דײַנע זין רעכנט מען שוין פֿאַר עכטע קווינקעס און פֿאַר זיי זײַנען שוין אָפֿן די טירן פֿון גוואַרדיע און פֿון דער בעסטער אוניווערסיטעט־קאָרפּאָראַציע. קאַרל און מאַריאַ האָבן דערשפּירט אַ נייגונג איינער צום צווייטן און איך בין שוין גרייט געווען צו געבן זיי מײַן ברכה. און דאָס אַלץ שטעלסטו איין אין קאָהן, אויב דו וועסט, פֿון שוואַכקייט,

פֿאַרשטייט זיך, ניט פֿון שלעכטן ווילן, — זיך ווידער מגייר זײַן...

מאָזער: דו טרײַבסט שטאַרק איבער. איך זעה ניט איך זאָל מיט עפּעס ריזיקירן, אויב...

קווינקע: (רײַסט איבער, אויפֿגערעגט) צי דען ביסטו ווירקליך אַזוי פֿאַרבלענדט? קודם כל בין איך דיר מתרה, אַז אויב כריסטינאַ וועט חתונה האָבן מיט אַ יידן, קען קאַרל ניט ווערן מײַן איידים און דאָס וועט אייך שטערן ערנסטן צו געפֿינען זיך אַ כלה צווישן די טעכטער פֿון לאַנד! און קאַרלס לאַגע אין רעגימענט? זײַנע חברים האָבן נענוג קריסטליכן טאַקט ניט באַרירן אים תם ושלום מיט אַ ניט פֿאַרזיכטיגן וואָרט, נאָר סוף כל סוף וועט זיי נמאס ווערן צו זײַן כסדר פֿאָרזיכטיג... אַזוינס וועט אַן אָפֿיצירישע קאָרפּאָראַציע לאַנג ניט מקבל זײַן.

מאָזער: דו רעדסט די גאַנצע צײַט אַזוי, ווײַל דו רעכנסט אַז קאָן בלײַבט אַ ייד. דאָס וויל איך אויך ניט. ער מוז זיך שמדן.

קווינקע: וואָס זשע איז דער אונטערשייד?

מאָזער: איך מיין, אַז שמד פֿאַרוואַנדלט דעם יידן אין אַ קריסט.

קווינקע: יאָ, נאָר קיינמאָל וועט עס ניט פֿאַרוואַנדלען דעם מורה-מענטש אין אַ דײַטש...

מאָזער: אַזאַ אונטאָלעראַנץ באַווײַזן נאָר די פֿאַרביסנסטע אַנטיסעמיטן! צום גליק זײַנען זיי אין אַ קליינער צאָל, וועלכע פֿאַרשווינדט ביסלעכווײַז בכלל. די דיינקענדע מערדהײַט...

קווינקע: איך האָב עס אייגענטליך געקענט אָננעמען פֿאַר אַ באַליידיגונג, נאָר איך רעכן, אַז ניט דאָס האָסטו געמיינט... ערלויב מיר אָבער צו אָנווײַזן דיר דײַן טעות? ניט קיין קליינע טייל, נאָר דאָס גאַנצע דיינקענדע דײַטשע פֿאָלק האָט זיך גאָט צו דאַנקען גע־כאַפּט צום שכל און האָט זיך פֿאַראייניגט אויף אַ מלחמה מיט די... פֿרעמדע, מיט די אייביג פֿרעמדע.

מאָזער: (אויפֿגערעגט) קאָן קאָנסטו נישט באַרעכענען פֿאַר אַ פֿרעמדן ער איז אַזאַ גוטער דײַטש ווי אַלע אַנדערע. אַ דײַטשישער ייד — דאָס איז אַ דײַטש פֿון יידישן גלויבן און מײַן איינציגער באַגער איז נאָר זיי זאָלן ווערן דײַטשן-קריסטן. אין דעם זין וועט זיי קיין זאַך אַזוי נישט פֿאַרגרינגערן די לאַגע ווי געמישטע חתונות.

קווינקע: (אויסער זיך) געמישטע חתונות איז טומאה און חורבן! מיר ווילן זיי נישט. שטענדיג, ווען אַ ייד רײַסט זיך אַרײַן אין אַ

קריסטלעכע פֿאַמיליע, שלעפּט ער מיט זיך ברוטאַלן מאַטעריאַ-
ליזמוס און זיטלעכע טעמפּקייט און אין אַזאַ פֿאַמיליע ווערט
די אַטמאָספֿערע אַלץ מער און מער אַ אַנאָרמאַלע, אַ קראַנקע.

מאָזער: (איפֿגערעגט) איצט האָב איך אַ גרונד צו באַליידיגן זיך פֿון
דײַנע ווערטער.

קווינקע: דאָס וואָס איך רייד מיט דיר איז אַ באַווײַז, אַז איך רעכן דיך
אַ האָר נישט פֿאַר קיין ייִדן. דו האָסט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך
דעם פּרצוף פֿון אַלטן אָדם הראשון. אָדער.... אפֿשר האָב
איך אַ טעות? אפֿשר פֿילסטו זיך נאָך אַלץ אַ ייִד?...

מאָזער: איך האָב זיך, אייגנטלעך, קיינמאָל ניט געשפּירט אַלס ייִד,
נאָר דו קענסט, הערסט זיך, אַרויסרופֿן בײַ מיר אַזאַ געפֿיל.

קווינקע: זעסט, דו אַליין באַשטעטיגסט אונזער אונצוטרוי. איר קענט
זיך קיינמאָל ניט באַפֿרײַען פֿון אײַערע אַלטע רגילות... איך
דײַן אײַנשטעלן זיך פֿאַר קאָנען איז שווין צו מערקן דאָס ייִדישע
„אחדות" געפֿיל, זייער צוזאַמענהאַלטונג...

מאָזער: (הייס) איך בין להלוטין פֿרײַ דערפֿון, דו בינדסט עס מיר אָן...
אין דאָקטאָר קאָן זע איך נאָר אַ מענטש און ווײַטער גאָרנישט.
איך מיין, אַז רעכענען זיך פֿאַר אַ מענטש װעסטו אים ערלויבן?...

קווינקע: מענטש... מענטש... פֿאַראַן מענטשן, וועלכע פֿאַרשוועכן דעם
צלם אלהים.

מאָזער: ווייסטו, אַז איך הער דײַנע רייד, בין איך באַלד מסכים מיט
דאָקטאָר קאָן, וועלכער טרוימט וועגן אַמקערן זיך קיין ארץ
ישׂראל און וועגן איפֿלעבונג פֿון זײַן פֿאָלק.

קווינקע: אָ, ווען דאָס וואָלט נאָר ניט געווען קיין ייִדישער שקר! זאָלן
זיי גיין! און וואָס גיכער איז אַלץ בעסער, נאָר זאָלן זיי אי-
בערלאָזן דאָס, וואָס זיי האָבן אין משך פֿון יאָרן אָנגענולט בײַ
דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג.

מאָזער: אַ ערשקלאַסיגער סאָציאַליסט, אַ קאָמוניסט וואָלט נישט מער
פֿון דיר געקאָנט זאָגן...

קווינקע: הער וועט האָבן אַ העזה אָנצורופֿן אַזאַ נערעכטיגע פֿאָדערונג
פֿאַר רויבערײַ?

מאָזער: גוט, איך וועל זיך ניט אַמפּערן מיט דיר וועגן דעם, נאָר איך
מוז דיר זאָגן, אַז איך ווער פּשוט נשתומם פֿון דײַנע אָנשויאונגען.
עס קען דאָך זײַן, אַז וועגן מיר האָסטו איך כסדר אַזוי געטראַכט.

קווינקע: איך האָב דיר איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל געזאָגט, אַז אַזוי לאַנג ביז דו וועסט מיך דערצו ניט צווינגען — רעכן איך דיך ניט פֿאַר קיין ייִדן...

מאָזער: ווי דו צווינגסט מיך, אַזוי וועל איך אויך דיך צווינגען. דו זאָגסט אָפּ אַ ייִדן אַפֿילו אין מענטשן־רעכט, דו מאַכסט קיין אונטערשייד צווישן אַ געטויפֿטן און ניט קיין געטויפֿטן. זײַן בלוט איז אומרייניק — שרײַסטו, ער איז אַ פֿאַרדאָרבענער מאַטעריאַליסט, ער פֿאַרסמט די אַטמאָספֿער פֿון אַ קריסטלעכע פֿאַמיליע; דאָס אַלץ דאַרף איך דאָך, אייגנטלעך, צונעמען אויף מײַן רעכנונג..

קווינקע: יאָ!... ערלויב מיר איצט אַרויסזאָגן מײַן מיינונג. יאָ, איך שטאַם פֿון ייִדן. איך האָב קיינמאָל ניט געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן כּבֿוד צו ווערן אַ מיטגליד פֿון דײַן יחוס־משפּחה, ווײַל איך בין געווען ניט ערגער פֿאַר אײַך אַלעמען.

קווינקע: דו האָסט אַ העזה צו זאָגן עס מיר אין די אויגן?!

מאָזער: יאָ. מיר איז אַ חידוש, וואָס דו, אַ קריסט און נאָך אַ פּאַסטאָר דערצו, האָסט פֿאַרגעסן וואָס אין יעוואַנגעליום שטייט געשריבן וועגן מענטשלעכע פּוסטע גאווה...

קווינקע: (אויסער זיך פֿאַר כעס) דו, דו... מאָזער... זאָגן מיר... אָנווײַזן מיר אויף דער הייליגער תּורה! דאָס... דאָס איז אַ חוצפּה! מאָ זײַ וויסן, אַז כאָטש פֿאַר גאָט זײַנען מיר גלײַך, אָבער פֿאַר לײַטן — בשום אופֿן ניט! איידער איך בין געוואָרן סופּערינטענדאַנט, איידער איך בין געוואָרן פּאַסטאָר, בין איך געווען באַראָן פֿאָן־קווינקע. דאָ, אין געגנוואַרט פֿון די בילדער האָסטו אַ העזה מיט אַזאַ חוצפּה צו ריידן וועגן מײַן משפּחה! דאַרף איך דיר דערמאָנען, אַז דײַן ייִדע וואָלט ניט געוואַגט אַפֿילו אַ קוק צו טאָן אין די אויגן אָט דעם ריטער, (ער בעווײַזט אויף אַ בילד פֿון אַן אַלטן) מײַן זיידן? אַז ער וואָלט אַ פּאַרציטערטער, אַ נבֿזנעדיגער געשטאַנען פֿאַר אים?

מאָזער: גאַנץ מעגלעך, ווײַל אָט דער גלאַנצענדער ריטער איז, אָן ספֿק, בכּולת געווען צו באַגיין גוואַלד־מעשׂים, וועלכע וואָלטן גלאַט ניט דורכגיין. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דער העלד און ריטער האָט ניט געדאַט וואָס מורא צו האָבן פֿאַר אַ שוואַכן, ניט באַוואָפֿנטן און געזעצלעך ניט באַשיצטן מענטשן. פֿון יענער צײַט איז שוין אָבער אַוועק הונדערט יאָר. איצט האָט שוין קיינער

קיין מורא ניט, קיינער איז קיין גנבֿ ניט און דאָקטאָר קאָן איז אויך בתּוכם. לאָמיר מאַכן אַ סוף צו דעם. איך האָב דיר שטענדיג כּבֿוד אָפּגעגעבן ווי דעם עלטסטן אין מיין פּתים פאַמיליע און ווי אַ העכערן גייסטליכן. מיטן אייגענעם רצון האָב איך דערלאָזן דיין ווירקונג אין מיין הויז, הגם די ווירקונג איז אַוועק פיל ווייטער, ווי דאָס האָט ערלויבט מיין זעלבסט-שאַץ. מיך וואונדערט וואָס דו אַליין זעסט עס ניט. עמאַ איז אומגערעכט, וואָס זי האָט דיך גערופן. התּונה מאַכן די קינדער — דאָס איז מיינע אַ פּערזענליכע זאַך, און קיינער האָט קיין רעכט ניט צו מאַכן מיר אין דעם דין ווערכע עס איז באַמערקונגען.

קווינקע: (באַהערשט זיך. רוהיגער אַ ביסל ווי פריער) סווייזט אויס, אַז דו האָסט אַ גאַנץ קליינעם באַגריף וועגן דעם, וואָס ס'הייסט אַ פרידליך צוזאַמענלעבן פון אַ קריסטליכע פאַמיליע, ווערכע פאַרטיידיגט איר יעדן מיטגליד.

מאָזער: אָ, דער באַגריף, איז מיר אַזוי קלאָר, אַז איך געפין פאַר ניט אַרטיג יעדן פּרוב צו אַריינרייסן זיך אין מיינע פאָטער-רעכט. (פּויזע).

קווינקע: אַלס מענטש און אַדלמאַן האָב איך נאָך דעם אַלעם בעדאַרפט אַוועקגיין און קיינמאָל מער דעם שוועל פון דיין הויז ניט אַריבערטרעטן, נאָר... מיין גלויבן לערנט מיך ענוות און כּבֿלנות. איך טאָר ניט פאַרגעסן, אַז די אומגליקליכע כריסטינאַ איז מיין בלוט; איבער דעם, און דאָס איז נאָך וויכטיגער, בין איך איר גייסטיגער פאָטער. התּונה מאַכנדיג איר מיט אַ ניטגלויביגן שטעלט מען אין סכּנה אויך איר גלויבן, און די שווערע זינד...

מאָזער: איך בעט דיך... צו וואָס איז די גאַנצע קאָמעדיע? דו ביסט דאָך ניט אויפן קאַפּעדרע און אויף מיר ווערסטו מיט די פּלוידעריי כּלל ניט ווירקן.

קווינקע: (בייז) דו האָסט אַ העזה!...

מאָזער: יאָ, איך האָב העזה! איך בין אַ קריסט, ווייל איך האַלט פון געבאָט — „ליב דעם צווייטן ווי זיך אַליין", און פון דער תּפילה „אָבֿינו מלכּנו"*). דאָס איבעריגע....

קווינקע: און מיט אַזעלכע אָנשויאונגען האָסטו צוגענומען דאָס הייליגע קריסטנטום?

*) отче нашъ.

מאָזער: צי מיינסטו ניט, אַז טיפֿנדיג זיך בין איך געוואָרן אַ שוואַכ־זיניגע מאָנאַכיניע? איך האָב זיך געשמדט, כּדי זיך צוזאַמענגיסן מיט מײַן פֿאָלק.

קווינקע: וועלכע פֿאָלק רעכנסטו פֿאַר דײַנער?

מאָזער: איך האַלט ניט פֿאַר נויטיג צו ענטפֿערן דיר הערזיות. איך קען דיר נאָר זאָגן, אַז רעליגיע־דאָגמעס האָבן מיך קיינמאָל נישט באַאונרוהיגט.

קווינקע: און מיט אַזעלכע איבערצײַגונגען האָסטו אָנגענומען דאָס גלויבן אין דאָס הייליגע דרײַאייניגקייט? מיט אַזעלכע אָנשויאונגען האָסטו העזה געהאַט צו געניסן פֿון דער הייליגער סעודה פֿון גאָטס טיש? איך אַזאַ אופֿן איז דײַן גאַנצער לעבן געווען אַ פֿאַלשער, יעדער וואָרט דײַנער — אַ גאָטס לעסטערונג, אַלע מעשׂים דײַנע זײַנען געווען אַ פֿאַרשווערונג פֿון אונזער גאָט און גואל! דו האָסט זיך אַרײַנגעגנבֿעט אין אונזער גאָטספֿאָרכטיגע סבֿיבֿה, כּדי צו ברענגען אַהין זינד און אַלדאָס בייז! מיט שפֿלע העסליכקייט האָט דײַן פֿאַרפֿלוכט יידיש פּנים מיר די ציין באַוויזן און שפּײַט מיט שמוץ!...

מאָזער: (שרעקליך אין כּעס, כאַפּט אַ שטול, וואַרפֿט זיך צו קווינקען און לאָזט אָפּ דעם שטול) נישט איין וואָרט מער! אָדער דו וועסט מיך צווינגען אָנווענדן די רעכט פֿון אַ בעל הבית!

6־טער אויפֿטריט

קריסטינאַ: (לויפֿט אַרײַן פֿון רעכטס, איילט צום פֿאָטער, האַלט אים) פֿאָטער, ליבער, אום גאָטס ווילן!

עמאַ: (פֿון לינקס) וואָס האָט פּאַסירט? איר שרײַט אַזוי...

מאָזער: (גייט מיט גרויסע טריט צו דער רעכטער טיר) און מײַן אייגן הויז!... אָ, עס גייט שוין איבערן מאָס... גענוג האָב איך זיך אָנגעליטן פֿון אײַך אַלעמען (ער גייט אַוועק מיט קריסטינען, וועלכע איז זייער פֿאַראומערט, און טוט אַ קלאַפּ מיטן טיר).

7־טער אויפֿטריט

(קאַרל, ערנסט און מאַריאַ קומען פֿון לינקס און רינגלען אַרום עמאַ מיט קווינקען).

עמאַ: (פֿאַרזיכטיג) לעבערעכט, וואָס בעדײַט עס? איר האָט זיך געקריגט? בימט איב. אפֿשר צו שאַרף בעגאַנגען?

קווינקע: (פֿאַראומערט) איך האָב נאָר וואָס איבערגעלעבט די שווערסטע

מינוטן פון מיין לעבן. איך האָב איצט מיט מיינע אויגן געזעהן אַזאַ זיטליכע שמוץ, אַז מיך טרייסלט דערמאָנענדיג זיך. אָרימע עמאַ, אָרימע קינדער, — מיר בלייבט נישט מער, ווי תפלה טאָן פאַר אייך (ער זעצט זיך אין אַ פאָטעל און לייגט צו די האַנט צום שטערן).

עמאַ: (ווי פריער) וואָס זאָגט כריסטיאַן?

קאַרל: דער פאָטער איז מסכים זי זאָל ווערן זיין כלה?

קווינקע: (שפרינגט אויף) דיין פאָטער... (באַהערשט זיך) פאַר אַ זון טאָר מען נישט ריידן אַזוינס, וואָס קען אים אָנרייצן קעגן פאָטער. ליבע, גוטע עמאַ, מיין פּוּם וועט מער ניט איבער־טרעטן דעם שוועל פון דעם הויז. פייער און וואַסער זיינען ניט ביכולת אויסמעקן פון מיין זכרון די ווערטער, וועלכע איך האָב דאָ געהערט.

עמאַ: פאַרוואָס האָסטו מיר געהייסן אַוועקגיין? דאָ איז מסתמא אַ מיספאַרשטענדעניש. כריסטיאַן איז זייער אַ ווייכער און גע־דולדיגער מענטש. עס קען ניט זיין ער זאָל...

קווינקע: יאָ, יאָ. אַלע זיינען מיר פאַרפירט געוואָרן פון אַ צביעק, וועל־כער האָט זיך פאַרשטעלט דעם גאַנצן לעבן. אַ דייטש איז ניט ביכולת צו פאַרשטיין אַזעלכעס, ווייל ער איז אַליין דערויף ניט פייאיג. קום מאַריאַ, פאַר אונז איז אונמעגליך דאָ לענגער צו בלייבן.

מאַריאַ: (מיט געבעט) פאָטער, און קאַרל...

קווינקע: (גערירט) מיין אָרים קינד, דיין גורל צורייסט מיר מיין האַרץ, נאָר איך קען גאָרנישט העלפן.

קאַרל: (כאַפּט מאַריען פאַרן האַנט) פאָטער, פאָדערט ניט איך זאָל זיך אָנטזאָגן.

קווינקע: דו מוזט, ליבער קאַרל, מיר מוזן. אַלס קריסטן מוזן מיר שטיל און אונטערטעניג איבערטראָגן דעם שווערן נסיון, וואָס גאָט האָט אויף אונז אָנגעשיקט...

קאַרל: קיין אַנדער פרוי, אויסער מאַריען, וועל איך אויף דער וועלט ניט האָבן.

מאַריאַ: איך וועל דיר אויך בלייבן טריי ביז מיין לעצטן אָטעם.

קווינקע: דאָס קען איך אייך ניט פאַרבאָטן. ווען איר איבערטראָגט דעם נסיון, וועט איר נאָך אפשר דערלעבן גליק אויף דער וועלט

איך. בײַ גאָט איז אַלץ מעגליך. לעת עתה אָבער מוזט איר רעכענען, אַז אײַערע תּנאָים עקזעקוטירן שוין מער ניט.

(מאַריאַ װײנט און פֿאַלט צו צו עמאַ) גאָט שטראָפֿט קינדער פֿאַר די עלטערן.

עמאַ: איך פֿיל מיך ניט שולדיג.

קװינקע: איך מײן עס אונזער פֿאָטער. ער האָט ניט אײַנגעהיט זײַן הויז פֿון גענאַרטן, צבֿועקישן קריסטנטום. אַ פּולער מיט ליבע האָב איך געגלויבט, אַז איך האָב צו טאָן מיט אַ קריסט, ערשט האָט זיך אַרויסבאַװיזן, אַז איך האָב צו טאָן מיט אַ פּשוטן, פֿאַר־פֿלוכטן ייִדן, װעלכער האָט מיט בעהאַלטענעם צאָרן געװאַרט נאָר אויף דעם גינסטיגן מאָמענט! (נעמט זי פֿאַרן האַנט, זי גיט מאַכטלאָז די האַנט קאַרלען, ער קושט זי. זיי גייען אַװעק אין דער לינקער טיר. די איבעריקע נאָך זיי. די בינע אַ װײַלע ליידיק).

8-טער אויפֿטריט

(ס'קומען מאָזער און כריסטינאַ).

מאָזער: (עפֿנט די טיר, דערזעט, אַז קיינער איז ניטאָ — קומט ער אַרײַן, נאָך אים כריסטינאַ) אַװאַ צבֿועק!

כריסטינאַ: מיך נעמט אָן בײַם האַרצן, דערמאָנענדיג זיך, אַז איך בין די כּנה פֿון די אַלע געשעהענישן. איך האָב זיך געגרייט צו אַ שטיקל מלחמה, צו אַ װידערשטאַנד, נאָר דער פֿעטער איז שוין צו װײַט אַװעק, אַז...

מאָזער: (גלעט איר דעם קאָפּ) מאַך זיך ניט קיין פֿאָרװאורף, מײַן קינד. גוט װאָס עס איז אַזוי אויסגעקומען. װען איך װאָלט געװען אַ פֿרומער, װאָלט איך עס באַרעכנט פֿאַר אַ נסיון... מײַן גאַנצן לעבן האָב איך זיך גענאַרט, נאָר איצט האָבן מיר זיך די אויגן געעפֿנט.... די אָפּעראַציע איז אַפֿילו געװען אַ ביסל אַ צו־שװערע, נאָר אַ נויטיגע און אַ גוטליכע.

כריסטינאַ: איך װײס ניט, פֿעטערל, װעגן װאָס דו רעדסט.

מאָזער: איך װײס אָבער, מײַן קינד (רעט פֿאַר זיך) די גאַנצע צײַט האָב איך זיך באַצױגן מיט רײנע, ערליכע, פֿון טיפֿן האַרצן ברידערליכע ליבע און ערשט איצט האָב איך זיך דערװאוסט מיט װאָס מען האָט מיר כּסדר געצאָלט דערפֿאַר — מיט שׂנאה און האַס. האַס האָב איך, אײגענטליך, פֿאַרדינט... װי אַזוי

זאָלן זיי זיך ניט רעכענען פֿאַר העכער און בעסער פֿאַר מיר,
אַז איך אַליין האָב זיי דאָס ערלויבט מיט מײַן נאַרישן באַהאַלטן,
אַז איך שטאַם פֿון יידן. ס'איז מיר פּשוט מיאוס, כריסטינאַ,
איך שעם מיך פֿאַר זיך אַליין!...

9־טער אויפֿטריט

(קאַרל און ערנסט קומען פֿון לינקס).

קאַרל: (טרויעריג) ענטשולדיג, פֿאָטער, איך האָב זיך אפילו נישט אָנגעפֿרעגט, נאָר איך וועל ריידן...

מאָזער: (שאַרף) אויב איך האָב מיט דיר נישט גערעדט איז עס העראַפּ, ווײַל דײַנע ווערטער האָבן קיין באַדײַטונג ניט.

ערנסט: (פֿרעך) איז נאָך ערגער! מיר האָבן באַשלאָסן בשום אופֿן ניט דערלאָזן, אַז קאָן זאָל ווערן אונזערער אַ שוואָגער.

מאָזער: (גייט צו אים. בייז) ווערסט זײַן שטיל צי ניט, שנעק דו איינער!

ערנסט: (טרעט אָפּ) פֿאָטער, אַזוינס קען איך נישט ערלויבן! איך בין אַ פֿראַנקאָ־טורינגיער און איך וועל קיינעם נישט ערלויבן צו באַליידיגן מיך, ווער דאָס זאָל ניט זײַן!

מאָזער: אַרויס פֿון דאַנען! אַוועק פֿון מײַנע אויגן דו אונערצויגענער חמור!...
אויב דו גייסט תּיכּף ניט אַוועק, וועל איך איצט טאָן דאָס, וואָס איך האָב לײַדער ניט געטאָן, ווען דו ביסט אַ קלייגער געווען...

ערנסט: איך וואָלט עס וועלן זעהען!...

קאַרל: (כאַפּט ערנסטן פֿאַרן האַנט) גיי אַוועק, ערנסט. ס'איז ניט שיין, גיי. איך היט דיר. (ער שטויסט אים אַרויס פֿון צימער אין דער לינקער טיר).

10־טער אויפֿטריט

קאַרל: (מיט אַ פֿאַרדומפּטן קול) פֿאָטער, איך בעט ענטשולדיגונג פֿאַר ערנסטן. ער איז אַ יונגער יינגל, אַ היציגער...

מאָזער: נו, וואָס ווײַטער?

קאַרל: ווײַטער בעט איך דיך איין מינוט מיך אויסהערן. איך רעכן, אַז הײַנט מײַנע יאָרן, הײַנט מײַן לאַגע גיבן מיר רעכט דערויף. כריסטינאַ, פֿאַרלאָז אונדז אַ ווײַלע.

כריסטינאַ: קאַרל, איך וואָלט וועלן דאָ בלײַבן. איך בעט דיך, ליבער קאַרל זײַ נישט אַזוי שלעכט.

מאָזער: בלײַב דאָ מײַן קינד. (צו קאַרלען) איך האָף אַז דו װעסט נישט אַרויסברײנגען פֿון מױל אַזעלכע װערטער, װאָס זאָלן באַ־לײדיגן דײַן שװעסטער.

קאַרל: (קורץ און שאַרף) קענסט זיכער זײַן, אַז אַן אָפֿיציר פֿון לײב־גװאַרדיע װײס װי אַזױ אַרויסצוזאָגן װאָס ער באַדאַרף אין אַ העפֿליכער פֿאָרם. נאָר... איך װעל רײדן אַלײן װאָס איך האָב אױפֿן האַרצן און דעריבער װאָלט איך װעלן בלײַבן אַלײן מיט דיר אונטער פֿיר אױגן. לײדער בין איך דאָ קײן בעל הבית ניט און מוז זיך אונטערגעבן... (קלײנע פּױזע) פֿאָטער, װאָס רעכנסטו צו ענטפֿערן דעם... דאָקטאָר קאָן?

מאָזער: ס'איז ניט דײַן עסק.

קאַרל: (ענטשולדיק,) — איך בין אַ גאַנץ אַנדער מײנונג. פֿון דײַן באַ־שלום הײנגט אָפּ דאָס גליק פֿון פֿאַמיליע...

מאָזער: און װעלכער איך בין בעל הבית! איך װעל נישט דערלאָזן מען זאָל זיך אַרײַנמישן אין מײַנע פּרעראָגאַטיװן!

קאַרל: װידערשפּעניגן אַן עלטערן — װעל איך אַב לעצטן, אָבער מיר האָבן דאָך אױך רעכט, װעלכע מען קען נישט איגנאָרירן. אַזױ װי דו װילסט ניט ענטפֿערן אױף מײַן שאלה — הײסט עס, אַז דו ביסט מסכים...

מאָזער: נו, און, אַז אַזױ איז װאָס?

קאַרל: דאַן... װעל איך, בײַ מײַן גרעסטן דרך ארץ פֿאַר דיר, ערקלערן, אַז איך בין ניט מסכים מיט מײַן שװעסטערס שידוך.

כריסטינאַ: (מיט אַ בקשה טאָן) קאַרל!...

מאָזער: (גיט אַ צײכן כריסטינען זי זאָל שװײַגן) װער ביסטו עס אַזױנס, װאָס דו האָסט אַ העזה...

קאַרל: איך בעט קײַן אײן מינוט ניט פֿאַרגעסן, אַז איך בין אָפֿיציר!

מאָזער: אָ, דאָס פֿאַרגעס איך ניט. איך װײס גאַנץ גוט, װאָס מ'איך קאָסט דער כבוד פֿון דײַן אָפֿיצירשאַפֿט!...

קאַרל: (שטיל, מיט האַס) נאָר געלט, כסדר װעגן געלט!

מאָזער: װעמען װילסטו עס שרעקן מיט דײַן אָפֿיצירשאַפֿט? נאָך גאָר ניט לאַנג האָב איך אַלײן ערשט פֿון זיך אַראָפּגענומען דעם מונדיר פֿון אַ קאַפּיטאַן. נאָך אײדער איך האָב געהאַט דאָס גליק צו האָבן דיך פֿאַר אַ זון, בין איך, אַלס אָפֿיציר, גע־שטאַנען פּנים אל פּנים מיטן שונא. זײַ װיסן, אַז דײַן הסכם

אָדער דײַן ניט אײַנשטימונג האָט בײַ מיר קײן שום ווערט ניט.

כריסטינא: וואָס האָט דיר קאָן געטאָן? וואָס האָסטו צו אים?

קאַרל: (ניט נעמענדיק אין אכט איר רייד) וויל מען פאַרקערן מיט א געזעלשאַפט, מוז מען אויך אָננעמען די עהרע־באַגריפן פון דער געזעלשאַפט... די עהרע־באַגריפן פון אונזער געזעלשאַפט ערלויבן נישט צו האָבן קרובהשאַפט מיט יידן.

מאַזער: און דאָס זאָגסט דו — זײַנדיק אַליין א ייד!

קאַרל: (שרײַט אויס) איך?!

מאַזער: איך מיין אַזוי...

קאַרל: (באַהערשט זיך) פאָטער, דו ווילסט מיך באַליידיגן.

מאַזער: דײַן פאָטער איז אַ ייד און דו ביסט אויך. איך אַזוי פיל א ייד, אַז דו האָסט זיך בעדאַרפט שעמען אַזוינס צו רעדן.

קאַרל: (פאַראומערט) דו האָסט עס מיר קיינמאָל נישט געזאָגט.

מאַזער: יאָ, דאָס איז אַ פעלער אויף מײַן גאַנצן לעבן.

קאַרל. צו שפעט האָסטו זיך גענומען דעם פעלער צו פאַרריכטן, איך בין ערצויגן אין גײַסט פון אונזער קרײַז־געזעלשאַפט, מען האָט מיך געלערנט, אַז יעדן, אויסער דיך, געוויינטליך, ווער עס וועט נאָר וואַגן אָנצורופן מיך מיטן נאָמען ייד — זאָל איך אַרויסרופן אויף דועל. אויב דו ווילסט ניט באַשיצן די געזעלשאַפטליכע לאַגע פון אונזער פאַמיליע, — דאַן האָב איך באַשלאָסן צו פאַרטיידיגן זי אַליין.

מאַזער: דו ערקלערסט מיר, הייסט עס, אַ מלחמה...

קאַרל: צו מײַן גרויס בעדויערן בין איך עס געצוואונגען צו טאָן.

מאַזער: ווי דו ווילסט. דו וועסט זיך גיך איבערצײַגן, אַז איך בין נאָך ביכולת צו שטרײַטן מיט אַייך אַלעמען. דו האָסט זיך אַליין ערקלערט פאַר מײַן שונא, נו, גוט, — וועל איך זיך באַציען צו דיר ווי צו אַ שונא. קודם כל וועסטו פון מיר קיין אײן פעניג נישט זעהן.

קאַרל: דערמיט וועסטו מיך ניט איבעראַשן. ווי פילע פון דער פאַמיליע קווינקע, וועל איך לעבן אויף די שכירות, וועלכע איך באַקום פון מײַן קיסר.

11־טער אויפטריט

עמא: (קומט אַרײַן פון לינקס, אויפגערעגט) כריסטינא! און דו האָסט עס געקענט ברײַנגען אונז צו אַזאַ לאַגע?!

כריסטינאַ: איך קען בשום אופן ניט באַגרייפן אין וואָס באַשטייט מיין שולד.

עמאַ: (צו מאַזערן) לעבערעכט וועט מער אַהער ניט קומען. ער האָט אין גאַנצן צוריסן די באַציאונג מיט אונז.

מאַזער: (העכסט אויפגערעגט) אויסגעצייכנט!

עמאַ: דו קענסט עס נעמען אויף דיין געוויסן אַזאַ זאַך צו צעשיידן אַ ברודער מיט אַ שוועסטער?

מאַזער: דו ווילסט אפשר איך זאָל אַוועקגיין נאָך אים? דו ביסט פריי!

כריסטינאַ (לויפט צו דער מוטער) ניין, מוטער, ניין, דו וועסט בלייבן מיט אונז.

12־טער אויפטריט

(ווילהעלם פון רעכטס, מיט אַ קאַרטע אויף אַ טעצל. מאַזער לייענט און ווערט ערשיטערט).

כריסטינאַ: (כמעט אומגערן) ער?

קאַרל: (שנעל) אָ, צו דער צייט! דאָ, אויפן אָרט וועל איך זיך מיט אים אָפּרעכענען.

מאַזער: בעט דעם הער אין ביבליאָטעק־צימער. (ווילהעלם אָפּ רעכטס)

13־טער אויפטריט

מאַזער: (מיט כעס) דו וועסט אים ניט זען. איך פאַרבאָט עס דיר. איך בין נאָך בעל הבית אין מיין הויז.

קאַרל: (פאַרנויגט זיך) דו קענסט עס מיר דאָ פאַרבאָטן; אויב אַזוי וועלן מיר זיך מיט אים טרעפן אין אַן אַנדער אָרט.

כריסטינאַ: (מיט שרעק) פאָטער, מיר קענען דאָך ניט שטערן זייער באַגעגעניש, טאָ זאָל זי בעסער פאָרקומען אין אונזער געגנוואַרט. קאַרל, דו וועסט אים ניט באַליידיגן! דו טאָרסט אים ניט באַליידיגן!

מאַזער: ווי וועט זיין צו דיר, אויב דו וועסט זיך פאַרגעסן!...

קאַרל: האָסט פאַר אַ לשון? — „ווי וועט זיין צו דיר"...

מאַזער: (עפנט די רעכטע טיר) הער קאָן, איך בעט אייך.

14־טער אויפטריט

קאָן: (קומט אַריין, קושט כריסטינען, וועלכע גייט אים אַנטקעגן, די האַנט. גייט צו עמאַ; זי טרעט אָפּ, באַגריסנדיג אים גאָר מיט אַ שאָקל דעם קאָפּ. קאָן בלייבט אַ רגע אין פאַרלעגנהייט, דער־

נאָך פֿערנויגט ער זיך קאַרלען און גייט צו צו מאָזערן, וועלכער גיט איִם די האַנט) איך בין געקומען צו נעמען מײַן גורל פֿון אייער האַנט... נו, וואָס האָט איר באַשלאָסן?

מאָזער: געכטן האָב איך ניט געלייקנט פֿון אײַך, אַז באַציענדיג זיך צו אײַך מיטן גרעסטן דרך ארץ, האָב איך דאָך פֿיל צו זאָגן קעגן אייער פֿאָרשלאָג. איצט האָט זיך די לאַגע להלוטין געביטן און איך האַלט פֿאַר אַ כבוד אָפּצוואַרפֿן אַלע מײַנע טענות און מיר קענען גלײַך צוטרעטן צו פּרטים פֿון דעם ענין.

קאָן: (גיט מאָזערן די האַנט. פֿריילעך) איך דאַנק אײַך טויזנטער מאָל.

קאַרל: דער פֿאָטער וועט מיר פֿערצײַען, אויב איך וועל זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

מאָזער: דאָס איז להלוטין איבעריג.

קאַרל: (פֿאַרנויגט זיך) רעכט. נאָר איר זאָלט וויסן, הער קאָן, אַז איך דאַרף זיך דורכשמועסן מיט אײַך.

קאָן: זעלבסטפֿאַרשטענדליך. איך בין גרייט, הער לייטענאַנט. איך בין משער, אַז הער מאָזער וועט גאָרנישט האָבן קעגן אונזער באַלדיגן שמועס, אויב איך וועל צו אײַער בקשה אויך מוסיף זײַן מײַנע.

מאָזער: (קוועטשט מיט די פּלייצעס) ווי איר ווילט. (זעצט זיך).

קאַרל: איך רעכן, אַז איר פֿאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז מיר באַציען זיך נעגאַטיוו צו אײַער שריט.

קאָן: מיר? ווער-מיר?

קאַרל: איך מיט מײַן אינגערן ברודער, מײַן מוטער...

קאָן: (מיט פֿאַרדראָס) איר אויך, מאַדאַם? (עמאַ שווײַגט).

קאַרל: מײַן פֿעטער, דער סופּעראינטענדאַנט פֿאָן-קווינקע, די גאַנצע פֿאַמיליע...

קאָן: דאָס אַלץ טוט מיר זייער לײַד, נאָר איך האָף, אַז מיר וועט זיך נאָך אײַנגעבן פֿאַרדינען אײַער צוטרוי און אײַער פֿרײַנדשאַפֿט... יאָ, אײַער פֿרײַנדשאַפֿט..

קאַרל: איך קען אײַך, לידער, בײַ דעם האָפֿענונג ניט לאָזן.

כריסטינאַ: (לײדנשאַפֿטליך) אַשטײַן איז בײַ דיר ניט קײן האַרץ.

קאָן: ערלויבט מיר אײַך פֿרעגן: וואָס האָט איר קעגן מיר?

קאַרל: די פֿראַגע איז נישט קיין אויפֿריכטיגע.

קאָן: גוט. איך רעכן זיך פֿאַר אַן אַנשטענדיקן מענטשן, מײַנע עלטערן זײַנען אַפֿילו באַשיידענע, גאָר זייער ערלעכע מענטשן. לויט מײַן פּערזענלעכע לאַגע קען איך צוגערעכנט ווערן צו דער בעסערער געזעלשאַפֿט. איך האָף, אַז מײַן נאָמען וועט אַזוי באַרימט ווערן, אַז עס וועט באַפֿרײַען אַפֿילו איך...

קאַרל: גאַנץ באַשיידן... ניטאָ וואָס צו רײדן...

קאָן: עס טרעפֿן פֿאַלן, ווען באַשיידנקייט איז איינפֿאַך צבֿועקײַט, ווען אָפּנהערציקײַט פֿאַר זיך אַליין און פֿאַר צווייטן איז פֿיל זיסלעכער. אַלזאָ, אַלס מגיעה קען דאָ דינען נאָר דאָס, וואָס איך בין אַ ייד.

קאַרל: אַ-הַ-אַ!...

קאָן: איך האָב גערעכנט, אַז אין אַזאַ הויז וועט מיר נישט אויסקומען צו באַגעגענען זיך מיט אַנטיסעמיטיזם.

קאַרל: (שאַרף) איך בעט אײַך וואַרפֿן אײַערע אָנצוהערענישן!...

קאָן: בײַ מיר קענען זיי נישט קלינגען ווי שטעך-ווערטער. איך בעט אײַך שלעפּט זיך ניט נאָך די מאָדנע שטרעמונגען. שטייט שטענדיק העכער פֿאַר זיי. די איצטיקע שנאה צו יידן וועט פֿאַרבײַגיין און דאַן וועט נאָר שווער זײַן צו גלייבן, אַז צוליב אַזעלכע אומגערעכטע, העסלעכע געפֿילן האָט מען צעשטערט דאָס גליק פֿון צוויי מענטשן.

מאָזער: (באַטאָנט) זייער ריכטיג.

קאַרל: וואָס מען וועט וועגן דעם טראַכטן אין 22-טן יאָרהונדערט ווייס איך ניט. איך לעב אין 19-טן יאָרהונדערט, ווען פֿאַר אַ ייד איז ניטאָ קיין אָרט אין אַ קריסטלעכער פֿאַמיליע. אַ מענטש מיט מאַקס וואָלט, אין אַזאַ פֿאַל, פֿריער פֿרעגן בײַ דער פֿאַמיליע צי ווילן זיי אָננעמען זײַן פֿאָרשלאָג און נאָכהער ערקלערן זיך אין ליבע.

קאָן: (שמייכלט) ווירקלעך: אַ האַרץ איז אָפֿט אַזוי אומטאַקטיש, אַז עס צינדט זיך אָן ניט אָפּהיטנדיק אַלע פֿאָדערונגען פֿון עטיקעט.

קאַרל: איך בעט אײַך אָן מליצה. איך זאָג אײַך נאָך אַמאָל, אַז אײַער פֿאָרשלאָג געפֿעלט אונז ניט.

קאָן: (בײַסט די ליפּן) איך האָב דעם הסכם פֿון אײַער פֿאָטער און

שוועסטער, הער ליטענאַנט.

כריסטינא: פֿון גאַנצן האַרצן.

קאָן: איך וואָלט באַליידיגט אייער פֿאָטער און שוועסטער, ווען איך וואָלט זייער הסכּם געשטעלט נידעריגער פֿאַר אייער עקשנות. ס׳וועט לײַדער אויסקומען צו בלײַבן פֿאָרלױפֿיג אָן אייער הסכּם...

קאַרל: אַן ערליכער מענש וועט ניט אַרײַנברענגען קיין צושטערונג אין אַ פֿרעמדער משפּחה.

מאָזער: (שפּרינגט אויף) איך האָב דיר פֿאַרבאָטן!

קאָן: ענטשולדיגט, הער מאָזער. הער ליטענאַנט, איך באַשווער אײַך ניט באַנוצן קיין באַליידיגונגס-ווערטער. איר דאַרפֿט נישט פֿאַרגעסן, אַז איך בין לדהלוטין אומבאַוואָפֿנט און בין ניט פֿיאיג אַפֿילו צו פֿאַרטיידיגן זיך מיט געווער...

קאַרל: יאָ, דאָס איז ריכטיג.

קאָן: ניט פֿיאיג אויפֿצוהייבן געווער קעגן אײַך, נאָר קעגן אײַך. אייער ריטער-געפֿיל דאַרף אײַך נישט דערלאָזן אָנצופֿאַלן אויף אַ אומבאַוואָפֿנטן.

קאַרל: דאָס זײַנען אַזעלכע פּלפּולים וועלכע איך, ניט קיין גמרא-קאָפּ קען נישט בעגרײַפֿן... איך זאָג אײַך נאָך אַמאָל: אויב ערגעץ האָט בײַ אײַך אַזעלכע עס איז בעדײַטונג...

קאָן: (זײַן שטים ציטערט) יעדע באַליידיגונג אײַערע פֿאַלט צוריק אויף אײַך, ווײַל איך האָב נישט קיין מעגליכקײַט צו ענטפֿערן אײַך.

קאַרל: אויב אײַך אַרט ניט, אַז מען באַליידיגט אײַך און איר ענטפֿערט ניט, — איז עס אייער זאַך.

מאָזער: גענוג! דו האָסט זיך ערלויבט נישט דערלאָזבאַרע באַליידיגונגען. דו וועסט תּיכּף בעטן ענטשולדיגונג בײַ הער קאָן.

קאָן: (גייט צו קאַרלען מיט אַ אויסגעשטרעקטע האַנט) איך בין ניט קיין נוקם ונוטר...

קאַרל: דרײַ טריט צוריק!

מאָזער: אויב דו וועסט מיך תּיכּף ניט פֿאָלגן, — האָסטו דאָ מער ניט, וואָס צו טאָן, בין איך דיר מער קיין פֿאָטער נישט.

כריסטינא: פֿאָטער, שטויס אים ניט אָפּ פֿון זיך. ער וועט זיך באַקלערן. ס׳איז דאָך אוממעגליך אַזוי.

עמאַ: אָפּזאָגן זיך פֿון אַן אייגן קינד צוליב אַ פֿרעמדן!

קאַרל: (ווײַזט אויף די בילדער) אָט זײַנען מײַנע עלטערן, קיינער קען זיי בײַ מיר ניט אַוועקנעמען. דו ביסט אַ צופֿעליגער מענש אין אונזער משפּחה.

מאַזער: (אויסער זיך) אַוועק פֿון מײַנע אויגן!

קאַרל: איך גיי.

עמאַ: איך גיי אויך מיט דיר.

כריסטינאַ מוטער, פֿאַרלאָז מיך ניט!

עמאַ: דו האָסט עס אַליין געוואָלט!

קאַרל: ליבע, טײַערע מוטער!... און אויף אײַך קוק איך ווי אויף אַן אויסוואורף! איך האָס אײַך:... (אָפּ לינקס. עמאַ נאָך אים, כריסטינאַ וויל זי אַרומנעמען, נאָר זי שטויסט איר אָפּ).

15־טער אויפֿטריט

קאַן: (פֿריער שטייט ער אין באַוועגונג, נאָכהער קערט ער זיך אום צו מאַזערן. כריסטינאַ נעמט אים פֿאַרן האַנט).

מאַזער: (לייגט זײַן האַנט קאָנען אויפֿן פּלייצע און רעדט מיט אַ ציטערנדיגע שטימע) הער קאַן, איך בעט אײַך ענטשולדיגן פֿאַר די באַליידיגונג, וועלכע איר האָט דאָ געליטן. ווי איר ווייסט בעט עס אײַך אַ געוועזענער קאַפּיטאַן און קאַוואַליער פֿון אײַזערנעם קרייץ. באַפֿרידיגט עס אײַך ניט?

קאַן: (מיט אַ פֿאַרשטיקט קול) אײַער זון, לייטענאַנט מאַזער־קווינקע, איז אַ דערוואַקסענער און איז אַליין פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זײַנע מעשׂים.

מאַזער: וואָס הייסט עס? איר ווילט אים אויספֿאָדערן צו דועל?

כריסטינאַ לעאָ, דאָס איז אוממעגליך.

קאַן: ס'איז אָבער אוממעגליך צו פֿילן אויף זיך שטענדיג אַן ניט אָפּגעוואַשענעם פֿלעק פֿון באַליידיגונג.

מאַזער: אַלס אײַערער אַ שווער, באַפֿעל איך, איר זאָלט אַרויסוואַרפֿן פֿון קאָפּ אַזעלכע געדאַנקען.

קאַן: (נעמט אַרום מאַזערן. כריסטינאַ קושט אים די האַנט) איך דאַנק אײַך. טויזנט מאָל דאַנק איך אײַך פֿאַר דאָס וואָרט, וועלכער מאַכט מיך אַזוי גליקלעך.

מאַזער: גוט, גוט. הייסט עס — איר פֿאָלגט מיך? (קאַן שווײַגט)

כריסטינאַ (טרויעריג) ח׳ טאָרסט ניט הןעלירן מיט מײַן ברודער. וועמען פון אײַך עס זאָל ניט טרעפן די קײל, וועט די פאַרוואונדן מײַן האַרץ...

קאָן: איך קען אײַך נאָר צוזאָגן, אַז איך וועל קײן מענטשן-בלוט ניט פאַרגיסן.

מאָזער: איר דאַרפט אָבער אויך ניט דערלאָזן, אַז מײַן ניט ערצויגענער זון זאָל מענשליך-בלוט פאַרגיסן.

קאָן: דאָס הײנגט שוין אָפּ ניט פון מיר.

כריסטינאַ: דו מײנסט דען, אַז דײַן לעבן איז מיר ניט אַזוי טײַער ווי דאָס לעבן פון מײַן ברודער? צוליב שטאָלץ אָדער אַזוי גאווה — קײנע אַנדערע סיבות זײַנען דאָ ניטאָ — ווילסטו מיך ברענגען צו אַ שרעקליכע פאַרצווייפלונג.

קאָן: נײן, טײַערע, דאָס איז ניט נאָר שטאָלץ און אַפשיטא ניט קײן גאווה. וואָלט עס נאָר מיך פערזענליך באַרירט, וואָלט איך עס פשוט איגנאָרירט. מײַן כבוד הײנגט ניט אָפּ פון צופעליגן כעס פון אַ מענשן... נאָר פון דעם וועט מען זיך אָן ספק באַלד דערוויסן און מען וועט תיכף מאַכן אַ סך הכל און מען וועט שוין ריידן ניט וועגן מיר, ניט וועגן אַ יחיד, וועגן לעאָ קאָן, נאָר וועגן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. דער פּלעק, אויב איך וועל איב ניט אָפּוואַשן, וועט פאַלן אויפן גאַנצן פאָלק. דאָס באַשטימט מײַן האַלטונג אין דעם פאַל.

מאָזער: איך וועל נישט דערלאָזן צו נאַרישקײַטן. אויב איך וועל זײַן געצוואונגען, וועל איך רופן פאָליציי.

קאָן: (דריקט איב די האַנט) איך ווײס, אַז איר וועט טאָן אַלץ, וואָס איר דאַרפט טאָן, נאָר איך וועל מײַנע פליכטן אויך ערפילן.

כריסטינאַ הייסט עס, דײַן פאָלק איז דיר טײַערער פאַר מיר?...

קאָן: דו ביסט מיר טײַערער פאַר אַלץ אין דער וועלט, נאָר... איך קען דיך פאַרגעטערן און צוזאַמען מיט דעם ניט פאַרדעטן מײַן פאָלק. דאָס וואָס הײַנט האָט דאָ פּאַסירט איז אַ סך הכל פון טויזנטיאָריגער וועלט-געשיכטע. שלעכט איז, פאַרשטייט זיך, דעם יחיד, וועלכער שטעלט זיך אײנער אַליין קעגן שטראָם...

כריסטינאַ (האַלט זיך פאַר קאָנען) פאָטער העלף מיר! מיר וועלן עס ניט דערלאָזן! איך וויל נישט, לעאָ, איך וויל נישט!...

פאָרהאַנג.

4-ער אַקט.

דעקאָראַציע פון דריטן אַקט. די בילדער פון די גענעראַלן זיינען פאַר-ביטן אויף בילדער פון ציווילע מענטשן—מאַן און פרוי—רייך געקליידט, דיקע,—מאָזערס עלטערן.

1-טער אויפטריט

אַנשל קאָן (אַ לאַנגער גראָהליכער באָרד; אין אַ לאַנגן סורטוק און אַ זיידענע יאַרמולקע. זיצט אויפן זאָפע, די אויגן אַראָפּגעלאָזן) עס וואָלט דאָך בעסער געווען, ווען מ'וואָלט אים קענען אַריבער-ברייננגען צו אונז.

מאָזער: (שטייט נעבן קאָן) דאָס איז געווען אונמעגליך, לחלוטין אומ-מעגליך. באַטראַכט נאָר: ס'איז דאָך אַ שעה רייזע מיטן באַן.

א. קאָן: נו, און אין אַ וואָגן פאַר קראַנקע?

מאָזער: עס וואָלט אויסקומען צו פאָרן זייער פּאַמעליך, טראָט ביי טראָט און מ'וואָלט געדויערט אַ גאַנצן טאָג.

פרוי קאָן. (אין אַ פּראָווינציעלן, אַלטמאָדישן קאָסטיום. אַ פּאַריק אויפן קאָפּ) צי דען איז ער טאַקע אַזוי סכנותדיג פאַרוואונדעט? איך בעט אייך, זאָגט מיר דעם אמת, — איך וועל עס ניט איבערטראָגן!

מאָזער: דער גורל פון אייער זון איז אין זיכערע הענט: פּראָפעסאָר ציטעל איז איינער פון אונזערע בעסטע כירורגן. עס וועט גע-טאָן ווערן אַלץ, וואָס ס'איז נאָר אין מענשליכע מעגליכקייטן.

א. קאָן: (לייגט צונויף די הענט) איך האָף צום רבונו של עולם.

פ. קאָן. איך דאַרף אַריין צו אים. איך מוז זעהן מיין קינד.

כריסטינאַ: (נעבן פרוי קאָן. האַלט איר האַנט) ווי רעכנט איר, איך וואָלט ניט זיין דאָרט, מיט אים, אויב דאָס וואָלט מעגליך געווען?

מאָזער: וואָס ווילט זיך אייך אַזוי אַהין, פרוי קאָן? ביי אַן אָפּעראַציע

מאָרן קיין נאָהענטע מענשן ניט זיין. מיר מוזן צולייַדן אַ ביסל...
(פויזע).

א. קאָן: ער קען דאָך אָבער דאָ, ביי אייך נישט בלייַבן. מען האָט אים באַדאַרפֿט לכל הפחות אַריבערפירן אין אַ שפּיטאָל, אויב ניט צו אונז.

כריסטינאַ: אַך, הער קאָן, לאָזט כאָטש דאָס איבער פאַר אונז. מיר פּאַסן אים אויך ניט ערגער, ווי איר וואָלט עס אַליין טאָן.

א. קאָן: איך ווייס עס זייער גוט. איך רייד ניט וועגן אויפפּאַסן...

מאָזער: וואָס זשע פעלט אים דאָ?

א. קאָן: אים פעלט גאָרנישט, איך ווייס. איך רייד וועגן אַנדערע, וואָס געפינען זיך דאָ אין הויז.

מאָזער: (קערט זיך אָפּ) דאָ איז ניטאָ קיין אַנדערע.

כריסטינאַ באַציט זיך ניט צו מיר מיט אַזאַ שנאה, פראוי קאָן. מען האָט מיך אויך אַזוי אומברחמנותדיג בעהאַנדלט ווי לעאָן. (פראוי קאָן ווישט אויס די טרערן).

מאָזער: איך האָף, אַז איר וועט אויף אונז קיין שנאה ניט טראָגן (נעמט איר פאַרן האַנט).

א. קאָן: ווי אַזוי קאָנען מיר זיך באַציען צו אייך פיינדליך? אַלץ וואָס גאָט טוט איז צו גוטן. אַ מענש קאָן אַ פינגער אָן אַ פינגער ניט אַ קלאַפּ טאָן ביז דאָס איז ניט באַשטימט געוואָרן פון אויבן...

טער אויפטריט-2

(ציטעל קומט פון לינקס).

כריסטינאַ (לויפט צו אים. מאָזער אויך) וואָס הערט זיך, הער פּראָפעסאָר? (ציטעל קוקט מיט חשד אויף א. און פראוי קאָן).

מאָזער: דעם פאַרוואונדעטנס עלטערן, פּראָפעסאָר ציטעל.

ציטעל: (פאַרזיכטיג) אַ!...

א. קאָן: (שטייט אויף) ס'איז דאָ אַ האָפענונג, הער פּראָפעסאָר?

פ. קאָן. איך קאָן איצט אַרייַנגיין צו אים?

ציטעל: געוויס קענט איר האָפן. מיר בעדאַרפן אַלע האָפן, כל זמן עס איז דאָ אַ פונק לעבן. איך האָב נישט קעגן דעם איר זאָלט אַרייַן צו אים. ער שלאָפט איצט נאָכן כלאָראָפאָרם. איר דאַרפט זיך נאָר האַלטן רוהיג — קענט איר צו אים אַרייַן.

(קריסטינאַ נעמט פֿרוי קאָן פֿאַרן האַנט און גייען אויף לינקס. א. קאָן נאָך זיי).

3-טער אויפֿטריט

מאָזער: נו, הער פּראָפֿעסאָר, איך וואַרט דעם אמת.

ציטעל: ער איז שוין ניט קיין היגער...

מאָזער: (שפּרינגט אויף) גאָט איז מיט אײַך, וואָס רעט איר? (קליין פּויזע) די אָפּעראַציע קען אים איך ניט העלפֿן?

ציטעל: עס איז צושעדיגט די דריטע-אַרטעריע. דאָס בלוט-פֿאַרליסט איז זייער גרויס און די גאַנצע אינגעווייד זײַנען אויך צושעדיגט. מעגליך, אַז מיר האָבן אים מציל געווען פֿון ווײַטערדיגע פֿאַר-ערגערונג, נאָר דאָס בלוט-פֿאַרליסט און נערוון-קלאַפּ זײַנען זייער ערנסט. איך בין אומרוהיג; איר וואָלט זייער גוט געטאָן, ווען איר וואָלט בימלעכווײַז צוגרייטן זײַנע פֿאַרצווייפֿלטע עלטערן.

מאָזער: צי דען איז גאָר קיין האָפֿענונג ניטאָ, הער פּראָפֿעסאָר?

ציטעל: (קוועטשט מיט די פּלייצעס) אויב ער וועט דורכלעבן די נאַכט, קען ער נאָך געזונט ווערן. די קומענדיגע עטליכע שעה וועלן ענד-גילטיג באַשליסן זײַן גורל. אָרימער קאָן! אַ יונגער מענש, וועלכער האָט געהאַט פֿאַר זיך אַזאַ רייצנדן צוקונפֿט! נאָר מיר קענען, לײַדער, גאָר נישט העלפֿן. אַדיע.

מאָזער: (טרויעריג) איר גייט אַוועק, הער פּראָפֿעסאָר?

ציטעל: דער קראַנקער נויטיגט זיך ניט אין מיר. איך לאָז דאָ איבער מײַן אַסיסטענט מיט נאָך אַ דאָקטאָר. אויב מען וועט אים דאַרפֿן מאַכן אַ אײַנשפּריצונג, וועלן זיי עס מאַכן ניט ערגער פֿון מיר. חוץ דעם קען איך קיין זאַך ניט טאָן. אַדיע. (אָפּ. מאָזער באַגלייט אים, בלײַבט אַ ווײַלע שטיין, קערט זיך אום און דערזעט ווילהעלמען).

4-טער אויפֿטריט

ווילהעלם: ענטשולדיגט, הער געהייב-ראַט!

מאָזער: נו!...

ווילהעלם: דאָ איז געווען דער יונגער הער... הער ערנסט.

מאָזער: אַזוי... (קליין פּויזע) וואָס האָט ער פֿערלאַנגט?

ווילהעלם: די געוויינליכע הלוואה, הער געהייב-ראַט, ווי תמיד, הגם הײַנט איז ערשט דער דריטער טאָג (מאָזער גיט איבערן צימער פֿאַר-

טרויערט) איך האָב פֿריער געוואָלט פֿרעגן, צי האָב איך רעכט, ווי שטענדיג...

מאָזער: (שטעלט זיך אָפּ) איר קענט געבן און ניט געבן — ווי איר ווילט; צו מיר געהערט עס נישט מער.

ווילהעלם: איך האָב אויך אַזוי געטראַכט, הער געהיים־ראַט. איך האָב אים אַנטזאָגט, פֿאַרשטייט זיך. (קליין פּויזע) דער יונגער הער האָט אויך געוואָלט צונעמען זיינע הפֿצים.

מאָזער: זיינע הפֿצים?

ווילהעלם: יאָ, די וועש, קליידער, אַפֿילו ביכער. ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף אַוועק פֿון דער היים.

מאָזער: ער איז נאָך דאָ?

ווילהעלם: ניין, ער איז שוין אַוועק. איך האָב מיט אים גערעט נעבן טויער, ער האָט בשום אופֿן ניט געוואָלט אַריין אַהער.

מאָזער: ווייסט איר וואו ער איז?

ווילהעלם: איך רעכן, אַז אין קאָרפּאָראַציע וועל איך זיך עס דערוויסן.

מאָזער: גיט אים דאָס גוטינסטע וואָס ער דאַרף פֿון זיינע זאַכן און זאָגט אים, אַז ער האָט ניט וואָס אַוועקצוגיין פֿון דער היים.

הילהעלם: געלויבט איז גאָט!

מאָזער: איך פֿאַרלאָז מיין הויז.

װילהעלם: הער געהיים־ראַט...

מאָזער: יאָ, ווילהעלם: ווען איך וועל דאָס טאָן — ווענדט זיך פֿון דער קאָנ׳ס געזונט מצב. (קליין פּויזע) די מאַדאַם איז געקומען?

גילהעלם: ניין. די מאַדאַם האָט געהייסן זאָגן, אַז זי וועט ניט זיין צו אָוונטברויט.

מאָזער: געהייסן זאָגן?... דורך וועמען?

ווילהעלב: דורך אַ דינער פֿון דער סופּעראינטענדאַנט.

מאָזער: אַזוי... און איך דערוויס זיך פֿון דעם ערשט איצט?!...

ווילהעלם: דער דינער איז דאָ געווען מיט פֿינף מינוט צוריק. (ניט זיכער) די פֿרוי געהיים־ראַט האָט איך איבערגעגעבן, אַז זי וועט בלייבן ביי דעם הער סופּעראינטענדאַנט, ביז וואַנען עס וועלן דאָ זיין די געסט.

מאָזער: אַזוי!... און דאָס אַלץ זאָגט מען אָן דורך אַ דינער... נו, מיר וועלן טאָן אַנדערש. איך וועל אָנשרייבן עטליכע ווערטער און איר הײַט

אַזוי גיט זײַן עס איבערגעבן לויטן אַדרעס.

ווילהעלם: גוט, איך הער.

מאָזער: אונזערע געסט קענען נישט פֿאַריאָגן מײַן פֿרוי פֿון הער היים. קיינער טאָר איר ניט שטערן, און זי דאַרף ניט זעהן די, וועמען זי וויל ניט זעהן, אַפֿילו מיך מיט דער פֿריילן... יאָ, ווילהעלם, אַז איר דאַרפֿט פֿאַראַיאָרן, אויף אונזער זילבערנער האָכצײַט לחיים געטרונקען, האָט איר זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז בײַ אונז זאָל אַזוינס פּאַסירן?

ווילהעלם: בשום אופֿן ניט... נאָר איך רעכן, אויב איך מעג זאָגן, — אַז דאָס וועט דורכגיין.

מאָזער: ניין, ווילהעלם, דאָס וועט ניט דורכגיין. איך בין אַ גאַסט אין דעם הויז. איך געהער נישט צו זיי. איצט ווייס איך, וואָס איך האָב צו טאָן.

ווילהעלם: איך וואַג נישט צו טראַכטן וועגן דעם, הער געהיים־ראַט.

מאָזער: וואָס אײַך אָנבאַלאַנגט, האָט איר זיך ניט וואָס צו אומרוהיגן. איר קענט זיך רעכענען פֿאַר אַ שטוביקן מענש אין דעם הויז, איר וועט בלײַבן אויף אײַער אָרט, דאָס וועל איך שוין באַזאָרגן.

ווילהעלם: דאָס וועט איר מיר ניט טאָן. נעמט מיך אויך מיט, וואוהין איר אַליין גייט. איך רעכן מיך פֿאַר אַן אייגענעם מענש ניט אין דעם הויז, נאָר בײַ אײַך פּערזענליך. אונטער אײַער קאָמאַנדע בין איך אין פֿײַער געשטאַנען און 26 יאָר האָב איך אײַך געדינט ווי ווײַט איך האָב געקענט ערליך און פֿלײַסיג. איך וויל אײַך דינען אויך דאַן, ווען דער הער קאָן וועט אַרײַן אין דעם הויז אַלס אַ איידים.

מאָזער: (מיט אַ ביטערן שמייכל) וואָס? איר זײַט גרייט אַפֿילו מיר מוחל זײַן דעם הער קאָן? איר זײַט, אַגבֿ, איפּמערקזאַמער צו מיר ווידער מײַנע קרובֿים. הכלל — מיר וועט אַלץ זײַן אין אָרדנונג. (מען קלאַפּט אין טיר פֿון רעכטס. איינער גיט איבער ווילהעלמען אַ קאַרטל, ווילהעלם גיט זי איבער מאָזערן).

מאָזער: (לייענט איבער די קאַרטל) יאָ, בעט אַרײַן (ווילהעלם עפֿנט די טיר, לאָזט אַרײַן קילגאַלטן און גייט אַליין אַוועק).

5־טער אויפֿטריט

קילגאַלט: (דריקט מאָזערן די האַנט) מײַן ליבער פֿרײַנד, ס׳איז שרעקליכע זאַכן אונז קומט אויס צו איבערלעבן. שרעקליך, שרעק־

ליך! (זעצט זיך נעבן מאָזערן) וואָס מאַכט דער אָרימער קאָן?

מ אָ ז ע ר: שלעכט, זייער שלעכט!

ק י ל ג אָ ל ט: (בעדויערנד) איך האָב געהערט, אים קורירט צייטעל?

מ אָ ז ע ר: יאָ, צייטעל.

ק י ל ג אָ ל ט: וואָס זאָגט ער? וואָס איז זיין מיינונג?

מ אָ ז ע ר: ער האָט אים פאַראורטיילט צום טויט...

ק י ל ג אָ ל ט: ס'איז שרעקליך! ס'איז דען אונמעגליך געווען פאַראַיס צו זעהן די שידערליכע געשיכטע און ניט דערלאָזן די?

מ אָ ז ע ר: (לעבהאַפט) ס'איז געטאָן געוואָרן אַלץ, וואָס אַ מענשליכער שכל קען פאָראויס זעהן. מיין געוויסן איז ריין.

ק י ל ג אָ ל ט: מיין פריינד, איך מיין ניט הס ושלום מאַכן אייך פאָרוואורף!

מ אָ ז ע ר: יאָ, נאָר דאָס איז מעגליך. וואָס האָב איך געקאָנט העלפן? איך האָב זיך געבעטן ביי דאָקטאָר קאָן ער זאָל זיין פאָרזיכטיג, ער האָט אָבער הערן ניט געוואָלט.

ק י ל ג אָ ל ט: יאָ, די לייט צייכענען זיך אוים מיט זייער איינגעשפאַרטקייט

מ אָ ז ע ר: מען מוז זאָגן דעם אמת: ער איז געווען זייער באַליידיגט.

ק י ל ג אָ ל ט: אַזוי גאָר: מען האָט אים באַליידיגט? דאָס הייסט... אַגב, איך וואָלט נישט וועלן זיין אונבעשיידן...

מ אָ ז ע ר: האָס איז שייך דאָ בעשיידן אָדער אונבעשיידן? אין אונזער שטאָט קען מען דען האַלטן בסוד אַזעלכע געשעהעניש׳ן ווי די וואָס האָבן זיך אָפגעשפּילט אין דעם הויז פון נעכטן אָן? מיין אונהערצויגענער זון האָט שטאַרק באַליידיגט דאָקטאָר קאָן אין מיין געגנוואַרט און... מיט מיר האָט ער זיך אויך באַגאַנגען פרעך. אַלס אַ סבה דערצו איז געווען....

ק י ל ג אָ ל ט: איך פאַרשטיי שוין — אייער טאָכטער כריסטינאַ...

מ אָ ז ע ר: זייער ריכטיג. און קאָן האָט געהאַט פולע רעכט צו זאָגן מיר, אַז איך זאָל אויפפאָדערן מיין זון צו ענטשולדיגן זיך...

ק י ל ג אָ ל ט: איין אָפיציר זאָל זיך ענטשולדיגן — דאָס איז אַ ביסל אונבאַקוועם.

מ אָ ז ע ר: איך האָב עס טאַקע ניט געקאָנט פועל זיין, יאָ, פריילכע מינוטן איז מיר אויסגעקומען איבערצולעבן, הער פראָפעסאָר. מיין טאָכטער איז אַליין אַוועק צום ברודער, אויף די קני איז זי פאַר אים געשטאַנען, און ער האָט איר באַוויזן די טיר... איר העריט, הער

פּראָפֿעסאָר, ער האָט זיך ערלויבט אַרויסצוטרײַבן מײַן כֿריסטי־
נען, אַ װײנענדיקע, אַ פֿאַרצװײפֿעלטע, אַ פֿולע מיט יאוש. און
מײַן פֿרוי! מײַן פֿרוי האָט זיך אַפֿילו נישט געװאָלט אַרײַנמישן,
ביז קאָן װעט זיך פֿאָרמעל ניט אָפּזאָגן פֿון כֿריסטינען. ס'איז מיר
ניט גרינג אָנגעקומען צו איבערגעבן אים די באַדינגונג. ער
האָט עס מיר אָבער אַפֿילו נישט געלאָזט פֿון מויל אַרויסלאָזן...
בעסער, זאָגט ער, טויזנט מאָל שטאַרבן װידער אָפּזאָגן זיך פֿון
כֿריסטינען. ער האָט אױך פֿאַרשװאָרן ניט דערלאָזן די טאָכטער
צו ניט פֿאָרזיכטיקע שריט.

קילגאָלט: האָבן צו טאָן מיט פֿרײען — הייסט עס אויפֿהייבן אַרום דעם
אַ ליאַרם...

מאָזור: קורץ — איך האָב זיך קיין זאַך ניט דערשלאָגן בײַ אים, בין
איך אַװעק צום פּאָליציי־פּרעפֿעקט, ער איז מײַנער אַ פֿרײַנד.
ער איז גרייט געװען צו טאָן אַלץ, װאָס נאָר מעגלעך, נאָר
דערבײַ איז מיר אױסגעקומען צו הערן פֿון אים געפֿערלעכע זאַכן;
ער האָט געטענהט, אַז אױב איך, אַלס פֿאָטער, װעל העלפֿן
פּאָליציי צו פֿאַרטיידיקן מײַן זון פֿון אַ קויל, װעלכע קען אים
טרעפֿן דורך אַ מענטשן, װאָס ער האָט באַליידיקט, — װעל איך
דערמיט אַרויסרופֿן אומאָנגענעמע רייד פֿאַר מײַן זון. פֿאַרשטייט
איר שוין מײַן לאַגע?

קילגאָלט: די השערות האָט דער פּרעפֿעקט געטענהט האַלטן פֿאַר זיך. די
דרייסטקייט און העלדישקייט פֿון אײַער זון איז צו גוט באַקאַנט,
אום צו מיינען, אַז ער האָט געדאַרפֿט אָנקומען צו אײַך, איר
זאָלט אים באַשיצן פֿון דועל.

מאָזור: איך האָב, פֿאַרשטייט זיך, זײַנע רייד ניט מרגיש געװען. דער
פּרעפֿעקט האָט אײַנגעשטעלט אַ שמירה נאָך קאָנען נאָר כּידוע,
איז ניט קיין גרויסער קונץ אױסצודרייען זיך פֿון די הענט פֿון
אונזער שטענדיק פֿאַרשלאָפֿענער פּאָליציי — זיי האָבן אים פֿאַר־
לאָרן און געפֿינען האָבן זיי אים שוין דאַן, װען ער איז געלעגן
אַ פֿאַרװאונדעטער בײַם װאַלד־שומר... מיר האָבן זיך דערװוּסט
העגן דעם פֿון פּרעפֿעקט און זײַנען שוין נאָר ביכולת געװען
אַריבערפֿירן קאָנען אַהער אין דעם צושטאַנד (פּויזע) זאָגט
אַלײן, איך בעט אײַך, בין איך דען אין עפּעס שולדיק?

קילגאָלט: פֿון דעם קען גאָר קיין רייד ניט זײַן. איר האָט געטאָן אַלץ, װאָס
ס'איז נאָר מעגלעך געװען. ס'איז באַשערט אַזוי (פּויזע) קאָן
איז געקומען צו זיך, אָדער ניין?

מאָזער: אויף אַ אויגן־בליק איז ער געקומען צו זיך ווען ער האָט דערהערט דער טאָכטערס קול. ער האָט באַוויזן צו בעטן ביי איר מחילה מיט אַ קול, וועלכן מען האָט קוים הערן געקענט. נאָכדעם האָט ער ווידער פאַרלאָרן דאָס באַוואוסטזיין און געפינט זיך ביז איצט אין אַזאַ צושטאַנד.

קילגאַלט: יאָ, אַ שרעקליכע געשיכטע. זיינען אייך באַוואוסט איינצעלהייטן פון דעם העל?

מאָזער: דעם אמת גערעדט — האָב איך נאָך אַפילו ניט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, צו שווער זיינען די איבערלעבענישן אין די עטליכע שעה, וואָס מיר האָבן זיך דערוואוסט פון דעם אומגליק.

קילגאַלט: ס'איז אַזוי פאַרשטענדליך... ס'איז מיר אומאָנגענעם צו זאָגן עס אייך, נאָר איך האָב אָקאָרשט געהערט פון קאָנס עדות, אַז ער האָט זיך אויפגעפירט ניט גאָר קאָרעקט...

מאָזער: וואָס? וואָס הייסט?

קילגאַלט: ער האָט אויסגעשאָסן אין לופט.

מאָזער: (געריירט) אַלס אַ פאָטער קען איך אים דערפאַר קיין פאַרוואורף ניט מאַכן. נעמענדיג אין אַכט זיין לאַגע האָט ער דען געקענט אַנדערש טאָן?

קילגאַלט: ענטשולדיגט, מיין פריינד, — אין תוך זייט איר אפשר גערעכט, נאָר די פאָרם האָט בעדאַרפט זיין אַן אַנדערע. ער האָט געקענט אויסשיסן אַזוי, אַז די קויל זאָל מיידן אייער זון. דאָס האָט זיך געווענדט אין גאַנצן פון אים און ס'איז ניט שווער געווען דאָס צו טאָן. אַלענפאַלס האָט ער בעדאַרפט לאָטש כלומרשט זיך צילן, נאָר אויסשיסן אין דער לופטן האָט ער ניט בעדאַרפט, — דאָס האָט אַ געוויסע בעדייטונג. ער האָט באמת נעבאַך ניט געהאַט דאָס גליק צו ערצויגן ווערן אין ליטערישן גייסט ער אַליין האָט זיך בעדאַרפט בילדן — דעריבער איז ער ניט שולדיג אין דעם.

מאָזער: איך מוז זיך אייך מודה זיין, אַז איך ווייס נאָך אַלץ ניט אין וואָס באַשטייט זיין אומקאָרעקטקייט.

קילגאַלט: (פאַרוואונדערט) איר ווייסט ניט? ביידע געגנער האָבן געהאַט דאָס רעכט צו מאַכן 5 טריט פאָרווערטס. אייער זון האָט עס תיכף געטאָן מיט זיין געוויינליך רוהיגער מאַניר. צוגיין פנים אל פנים צום שונא, וועלכער שיסט אין אייך — איז אַ העלדישקייט. נאָר אויב מען גייט צו נאָהענט צו אַ שונא וועלכער

וויל ניט שיסן אין דיר — דאָס האָט שוין גאָר אַן אַנדער נאָמען. אַ דזשענטעלמען האָט גישט בעדאַרפט שטעלן אַ שטאָלצן אָפיציר אין אַזאַ קאָמישע לאַגע... נאָר ס'איז אַ ביסעלע צו אַכזריותדיג פון מיין זייט ריידן אַזוי וועגן דאָקטאָר קאַן אין דער מינוט ווען פון זיין וואונד פליסט נאָך בלוט. וואָלטן מיר כאָטש וויסן, אַז דער אומגליק וועט זיין אַ לעקציע פאַר אַנדערע און וועט זיי דערמאָנען וועגן זייערע פליכטן! אייגענטליך האָט מען בעדאַרפט ברענגען אַלע אַנטיסעמיטן, וויפיל ס'איז נאָך דאָ, צו קאַנס קראַנקן-בעט.

מאַזער: מיר דוכט, אַז איר זייט אַ צו גוטע מיינונג וועגן די זיטליכע עמפינדליכקייט פון די לייט, אויב איר מיינט, אַז איין קוק אויף קאַנען קען אויף זיי ווירקן.

קילגאַלט: איר זייט גערעכט. אַ שיינע צייט לעבן מיר איבער. אונזערע קינדער וועלן איבערלאַכן אונזערע שטרעבונגען מיט אונזערע אידעאַלן. מיר זיינען פאָרשטייער פון אַזעלכע וועלט-אָנשויאונגען, וועלכע דאַרפן זיך רעכענען פאַר באַזיגטע. אַך, מיין פריינד, עס וואָלט כמעט ניט כדאי געווען צו לעבן אויף דער וועלט, אויב מען וואָלט ניט געקענט אַוועק פון דער אַלטעגליכקייט און אָפּגעבן זיך דער קונסט.

מאַזער: (פאַר זיך) אַ קליינע שמחה...

קילגאַלט: ס'אַראַ האָפענונגען אונזער דור האָט געלייגט אויף געמישטע חתונות: דאָס האָט בעדאַרפט ברענגען צו אַן אַלגעמיינעם שלום צווישן ראַסן, און וואָס איז אין דער ווירקליכקייט? דאָס העלפט ניט, דאָס דערגרייכן מיר ניט. איך קום צו אַ שרעקליכן בעשלוס, אַז געמישטע חתונות קענען שאַפן שלום נאָר דאָרט, וואו דער שלום עקזיסטירט שוין... אָבער בכלל זעט עס אויס ווי מען זעצט אַוועק צוויי פיינד אין איין שטוב... אַזעלכע ערשיינונגען, כיהיע. באַשאַפן ניט קיין פרידליכע אידיליע.

6-טער אויפטריט

(קאַן פון לינקס, באַמערקט קילגאַלטן, בלייבט שטיין).

מאַזער: קומט אַריין נעהענטער, הער קאַן, — דער פאָטער, פּראָפעסאָר קילגאַלט, — רעקטאָר פון אונזער אוניווערסיטעט.

קילגאַלט: (גייט צו קאַנען, גיט אים די האַנט) מיר איז זייער אָנגענעם און אין דער זעלבער צייט פיינליך צו באַקאַנען זיך מיט אייך. הער קאַן.

א. קאָן: (גייט אַרויס נעהענטער. האַלב פֿאַרשעמט) אַדרבה... איר גיט מיר אָפּ זייער פֿיל כּבֿוד.

קילגאָלט: איר האָט זייער אַ וואוילן זון.

א. קאָן: (זײַן קול ציטערט) ס'איז אַ שאלה, אויב איך האָב אים!...

מאָזער: (טרויעריג) וואָס ,ערט זיך דאָרט?

א. קאָן: (מיט יאוש) גאָט ווייס, מ'ר דוכט, אַז זייער שלעכט.

קילגאָלט: אײַער זון איז בײַם באַהאַוסטזײַן?

א. קאָן: ער האָט געעפֿנט די אויגן, נאָר איך בין אין ספק צי האָט ער אונז געזעהן. ער האָט קיין איין וואָרט ניט אויסגערעדט. די דאָקטוירים שטעלן אים דאָרט, כּדי עפּעס אים אײַנשפּריצן. איך האָב עס ניט געקענט זעהן. בײַ פֿרויען זײַנען די הערצער שטאַרקער ווי בײַ אונז.

קילגאָלט: מיר ווילן דאָך האָפֿן. אַלענפֿאַלס, וואָס ס'זאָל ניט טרעפֿן, דאַרף פֿאַר אײַך זײַן אַ גרויסע טרייסט אײַער זונס ריטערשאַפֿט.

א. קאָן: ענטשולדיגט, הער פּראָפֿעסאָר, דאָס איז פֿאַר מיר גאָר קיין נחמה ניט. צוליב וואָס דען דאַרף ער זיך ריטעריש באַגיין? ער איז קיין ריטער ניט. בײַ אונזערע אָבֿות האָבן מיר זיך אויסגעלערנט האַסן די קראַפֿט פֿון פֿויסט... זאָלן אַנדערע שיסן און הרגענען; אונזער געווער — איז גײַסט.

קילגאָלט: איך בין אויך אײַער מיינונג, נאָר ליידער טרעפֿן צופֿאַלן, ווען מען מוז נעמען געווער אין האַנט.

א. קאָן: ענטשולדיגט, הער פּראָפֿעסאָר, איך פֿאַרשטיי דאָס ניט. אַ ייד דאַרף וויסן, אַז ער לעבט אין גלות. ער דאַרף זײַן פֿרום, היטן די תּורה און אַלע אַנדערע זאַכן דאַרף ער פֿאַרלאָזן אויפֿן רבונו של עולם. אַז גאָט ברוך הוא שיקט אויף אים אָן יסורים, דאַרף ער מקבל באהבֿה זײַן. איך פֿרעג אײַך, אַדרבה, וואָס פֿאַר אַ פּנים האָט עס צו שיסן אין דער וועלט אַרײַן, ווי אַ ווילדע באַשעפֿעניש? דאָס איז אויך איינע פֿון די נײַסן, מיט וועלכע עס גרויסן זיך די הײַנטיגע געבילדעטע לײַט? שיינע בילדונג! איר זעט דאָך שוין צו וואָס דאָס פֿירט. אָנהויבן — הייבט זיך אָן פֿון אַוועקשטעלן אַ אָרגל אין בית המדרש און ס'ענדיגט זיך מיט שיסן אין לעבעדיגע מענשן... (ווענט זיך אויפֿן דיוואַן. קוקט אַראָפּ).

קילגאָלט: (קוקט זיך הורך מיט מאָווערן טיפֿזיניג) ווי מיינט איר, איך מעג אַרײַן בעזוכן קאָנען?

מאָזער: זײַן מוטער און מײַן טאָכטער זײַנען דאָרטן. פּראָפֿעסאָר ציטעל האָט פֿאַרבאָטן צו ריידן מיט אים.

קילגאָלט: זעלבסט־פֿאַרשטענדליך. איך וויל אים נאָר זעהן.

מאָזער: (קלינגט. ס'קומט אַרײַן ווילהעלם פֿון רעכטס) ווילהעלם, באַגלייט דעם הער רעקטאָר און צימער צום הער קאָן (ווילהעלם עפֿנט די רעכטע טיר, לאָזט דורך קילגאָלטן און גייט אַליין נאָך אים).

7־טער אויפֿטריט

מאָזער: ליבער הער קאָן, נאָך די אַלע איבערלעבונגען מוזט איר אַ ביסל אָפּרוען. איך האָב געהייסן צוגרייטן אַ צימער פֿאַר אײַך מיט אײַער פֿרוי. אויב איר וועט ערלויבן, וועל איך אײַך בעווײַזן דעם צימער. מיר מוזן היטן אונזערע כוחות, מיר וועלן זיי נאָך דאַרפֿן.

א. קאָן: אַ שיין דאַנק, איך בין ניט מיד. מיר זײַנען געוויינט צו לײַדן.

מאָזער: אָבער אײַער פֿרוי!

א. קאָן: זי וועט ניט וועלן שיידן זיך מיטן זון. נאָר אויב ס'וועט זיך אײַנגעבן אַוועקצונעמען זי פֿון בעט, וועל איך זי נעמען מיט זיך.

מאָזער: נעמען מיט זיך?...

א. קאָן: אַז איך קום אין שטאָט, שטעל איך זיך אָפּ בײַ מײַנעם אַ באַקאַנטן.

מאָזער: וואָס, איר ווילט בײַ אונז ניט בלײַבן?

א. קאָן: איך וויל אײַך ניט מטריח זײַן.

מאָזער: אָבער איך בעט אײַך זייער.

א. קאָן: (ענטשלאָסן) ס'איז אונמעגליך.

מאָזער: צי דען ווילט איר זיך ניט באַנוצן מיט אונזער זייער אויפֿריכטיקער גאַסט־פֿרײַנדשאַפֿט צוליב... שטאָלץ?

א. קאָן: גאָט בעהיט! איך קען שעצן אויפֿריכטיקע בכבודיקע באַציאונג, נאָר ייִדן טאָרן ניט שלאָפֿן אין אַ צימער אָן אַ מזוזה. פֿאַרטײַטשן עס אײַך וואָלט לאַנג דויערן... דאָס איז אַ הייליגע זאַך, וואָס מען הייננט אָן צום צוויקל פֿון טיר...

מאָזער: מען קען עס קויפֿן?

א. קאָן: אָן ספֿק.

מאָזער: וועלן מיר תּיכּף פֿאַראָרדנען מען זאָל עס אָנהייגנען אויף אײַער טיר.

א. קאָן. (לעבהאַפֿט) ניין, ניין. ס'איז צופֿיל טרחה.

מאָזער: אַלענפֿאַלס וועט איר דאָס האַרץ אונטערלעדיגען בײַ אונז.

א. קאָן: (שנעל) אַ דאַנק, נאָר איך קען עס ניט.

מאָזער: איך וועל אײַך געבן נאָר אייער, פֿרוכט, ווײַן און נאָך אַזעלכע זאַכן.

א. קאָן: ניין. אַ דאַנק. מיר וועלן שפּעטער אַרײַן אין אַ ייִדישן האָטעל.

מאָזער: אָבער אייער און פֿרוכט איז דאָך אײַך ניט פֿאַרבאָטן?

א. קאָן: ניין. נאָר די געשיר, מעסער-גאָפּל..

מאָזער: קען איך אײַך, הייסט עס, מיט קײַן זאַך ניט דינען? (קאָן מאַכט מיטן האַנט אַ באַדויערנגס באַוועגונג) איר ווילט אַפּניס זיצן דאָ אין שטוב ווי אַ פֿרעמדער, כּמעט ווי... אַ... שונא.

א. קאָן: אַ שונא ניט אַ שונא, נאָר ווי אַ פֿרעמדער געווים... די גמרא זאָגט: „אַ פֿרעמדער בין איך אין אַ פֿרעמדן לאַנד"...

מאָזער: עס קען דאָך מיר ניט זײַן פֿרעמד דער פֿאָטער פֿון מײַן טאָכטערס חתן, דער פֿאָטער פֿון מײַן אײדים!

א. קאָן: איך דאַנק אײַך פֿאַר טרייסטן. יאָ, אַלע זײַנען מיר אדם הראשונ'ס קינדער.

מאָזער: אונז, על כּל פּנים, בינדט צוזאַמען אַ נעהענטערע קרובֿהשאַפֿט ווידער דאָס, וואָס מיר זײַנען אדם הראשונ'ס קינדער. (קאָן שווײַגט) זײַט איר אפֿשר ניט מסכּים?

א. קאָן: איך בין אַ ייִד.

מאָזער: (מיט אַ דערשטיקט קול) און איך בין געווען אַזוינער.

א. קאָן: (אין פֿערלעגנהייט, שטאַמלט) איר האָט געביטן אייער גלויבן? טאַקע ממש. יעדער דאַרף האַלטן זײַניגע...

8-טער אויפֿטריט

קילגאָלט: (אַרײַן פֿון לינקס, אויפֿגערעגט, נעמט קאָנען פֿאַרן האַנט) גאָט זאָל אײַך געבן כּח איבערטראָגן דעם אומגליק.

א. קאָן: (שפּרינגט אויף) וואָס?... איז ער חס ושלום... זאָל גאָט היטן...

קילגאָלט: (פֿאַרבויגט דעם קאָפּ) יאָ... ער איז געשטאָרבן. (מאָזער טוט אַ ציטער און לויפֿט אַוועק לינקס).

א. קאָן: (שטייט צוטומלט, נאָכהער רעט ער לאַנגזאַם און אויפן קול, וועלענדיג דערשטיקן די טרערן) ד׳ נתן וד׳ לקח. יהי שם ד׳ מבורך מעתה ועד עולם. (זעצט זיך אויפן זאָפע און וויינט שטיל).

קילגאָלט: (נאָך אַ קליינע פויזע) באַקעמפט זיך. איר דאַרפט אונטערהאַלטן אייער פרוי.

א. קאָן: (פאַרלאָרן) וואָס... מיין פרוי?... אַך, יאָ, הער רעקטאָר... אַזאַ אומגליק! איך האָב צו גאָט, אַז זיין בלוט וועט פאַלן אויפן קאָפּ פון זיין מערדער.

קילגאָלט: הער קאָן, איר האָט קיין רעכט ניט אָנצורופן אים „מערדער‟, — דאָס איז געווען אַן ערליכער דועל...

א. קאָן: (קוקט אים אָן פאַרלאָרן, ניט פאַרשטייענדיג וואָס ער מיינט, באַמיט זיך צו באַהאַלטן זיין אויפרעגונג) יאָ, איר זייט גערעכט, הער רעקטאָר. אָ, ווי איז מיר!... (שטייט צוטומלט, מיט אַמאָל גייט ער אויף לינקס, באַגעגנט מאָזערן און כריסטינען, קוקט זיי אָן, לאָזט זיי דורך און גייט אַוועק).

10־טער אויפטריט

כריסטינאַ: (רייסט זיך פון מאָזערס הענט) לאָז מיך פאָטער, לאָז, איך וועל בלייבן נעבן אים.

מאָזער: כריסטינעלע, מיין ליב קינד. פאָלג מיך. דו קאָנסט אים שוין גאָרנישט העלפן. זע, דאָ איז הער קילגאָלט.

קילגאָלט: (נעמט איר פאַרן האַנט) אָרים, וואויל קינד!

כריסטינאַ צוליב מיר איז ער געשטאָרבן. איך וועל עס ניט איבערטראָגן.

מאָזער: כריסטינעלע!

קילגאָלט: איך פאַרשטיין זייער גוט אייער פיין, נאָר איר האָט ניט קיין גרונד צו באַשולדיגן זיך.

11־טער אויפטריט

א. קאָן: (פירט זיין פרוי אונטערן האַנט) שטאַרק זיך, חנה, שטאַרק זיך. גאָט וועט העלפן.

קילגאָלט: אַלס קריסט בעט איך אייך איר זאָלט אונז מוחל זיין און ניט טראָגן קיין שנאה אויף אונז אַלעמען צוליב אַ שולד פון איינעגע... דער טויט פון אייער זון וועט פילע עפענען די אויגן און מסתמא, אָן ספק, ברענגען צו גוטע פאָלגן.

פ. קאָן. (יאָמערט) נאָר מיין זון וועט שוין אָבער ניט זיין!... (קיל־

גאָלט דריקט מאָזערן די האַנט, מאָזער וויל אים באַגלייטן, ער לאָזט ניט. אָפּ רעכטס).

12־טער אויפטריט.

מאָזער: געעהרטע פרוי קאַן, איר האָט פאַרלאָרן איין זון, איך האָב פאַרלאָרן צוויי זין. (זי קוקט אים אָן ווי אַ צודולטע).

כריסטינאַ (האַלזט איר און נעמט זי אויפן זאָפע. מיט אַ קרעכץ:) מוטער!

א. קאַן: (מאָזערן) ס'איז אַ גרויסע נפקא מינה: מיר האָבן פאַרלאָרן אונזער קדיש. ווער וועט נאָך אונז קדיש זאָגן, אַז מיר וועלן שטאַרבן?

כריסטינאַ (וויינט) מוטער! וואָס נאָך איז מיר געבליבן אויף דער וועלט צו טאָן, אויב ניט זאָרגן פאַר אייך?

ל. קאַן. (רוקט זיך אָפּ פון איר) דאָס קען נאָר אַ אייגענער זון.

א. קאַן: (צו דער פרוי) איך וועל גיין באַזאָרגן, מען זאָל דעם בר מינן צונעמען... ווילסט גיין מיט מיר, אָדער די וועסט בלייבן דאָ?

כריסטינאַ (שרייט אויס) נעמט אים נישט אַוועק פון מיר! לאָזט אים איבער מיר!

א. קאַן: (ענטשולדיגט) ענטשולדיגט, דאָס איז אוממעגליך.

ל. קאַן. (מיר שווער געמיט) איך גיי מיט דיר, אַנשל. (זי הויבט זיך אויף)

כריסטינאַ (מיט תחנונים) בלייבט דאָ, מוטער, פאַרלאָזט מיך ניט אַליין!

ל. קאַן. ליבע פרײלין...

כריסטינאַ דאָב איך אים דען ווייניג געליבט? בין איך דען ניט אייער טאָכטער?

ל. קאַן. ליבע פרילן, איר זעט דאָך: ניט באַשערט געווען, גאָט האָט ניט געוואָלט. איר האָט אַ לייבליכע מוטער.

כריסטינאַ. זי פאַרשטויסט מיך...

ל. קאַן. איר וועט ווידער געפינען דעם וועג צו דער מוטערס האַרץ. ס'איז ניט שווער, אַפשיטא איצט, ווען קיינע מניעות זיינען שוין נישטאָ... (שטיקט די טרערן) מיין אָרימער זון האָט בעגאַנגען אַ פעלער און האָט גוט באַצאָלט פאַר אים. ער האָט דאָ קיין זאַך ניט בעדאַרפט זוכן, וואָלטן מיר צו אַזאַ אומגליק ניט קומען.

כריסטינאַ ער איז מיינער און איך געהער אים... אַלץ פאַרלאָרן... (וויינט)

פּ. קאָן. איר זײַט יונג, ליבע כריסטינאַ, און אײַערע יאָרן קען מען אַלץ איבעריאָגן. איך דאַנק אײַך, וואָס איר האָט ליב געהאַט מײַן לעאָ. זײַט געזונט. זײַט געבענטשט און גאָט זאָל אײַך העלפֿן פֿאַרגעסן אונדז אַלעמען.

כריסטינאַ קײנמאָל ניט, קײנמאָל ניט! (זי פֿאַלט פּרוי קאָן אויף די הענט).

א. קאָן: (בײַם טיר פֿון רעכטס) קום, חנה.

פּ. קאָן. (בעפֿרײַט זיך) איך גײ, אַנשל. (שטעלט זיך אָפּ, קושט כריסטינען, גיט אַ צײכן זי זאָל איר ניט נאָכגײן. אָפּ)

13-טער אויפֿטריט

מאָזער: (צו כריסטינען, וועלכע שטײט נידערגעשלאָגן. זעצט זיך אויפֿן זאָפֿע) טאָכטער מײַנע, געדײנק אָן זיך און געדײנק אָן דײַן טאַטן, וועלכער האָט אויף דער וועלט קײנעם ניט, אַחוץ דיך. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַלעמען, — איצט זאָגן זיך אַלע אָפּ פֿון מיר. מײַן ווײַב און קינדער האָבן מיך נאָר געליטן ווי אַ פֿרעמדן... קאָן שטויסט מיך אויך אָפּ ווי אַ פֿרעמדן... וואוהין זאָל איך גײן? (כריסטינאַ יאָמערט) שוין זשע, טאָכטער, עקזיסטיר איך פֿאַר דיר אויך ניט מער?

כריסטינאַ. אַך, פֿאָטער, ליבער!

מאָזער: (קושט איר דעם קאָפּ) יאָ, מײַן האַרץ: דיר געהער איך און דאָס איז שוין אַלץ, אַלץ... איך האָב געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון דער יידישער קללה, נאָר זי האָט מיך געטראָפֿן. איך צווישן מענשן בין אין דער זעלבער לאַגע ווי יידן צווישן פֿעלקער... דײַן מוטער וועט זיך אומקערן אַהײם, נאָר איצט זע איך שוין, אַז מיר זײַנען שטענדיג געווען פֿרעמד אײנער דעם צווייטן. דאָס איז שוין אוממעגליך צו פֿאַרריכטן. (כריסטינאַ שטײט אויף) וואוהין ווילסטו גײן?

כריסטינאַ צו אים.

מאָזער: ניין, מײַן קינד, ער נויטיגט זיך אין דיר שוין נישט מער. איך נויטיג זיך אין דיר און האָב נאָר דיך אײנע. בלײַב מיט מיר. ווען איך וואָלט אויך געקענט גײן מיט דיר... האָב איך אָבער מורא אַ קוק צו טאָן אויף אים. דאָך בין איך שולדיג אין זײַן טויט...

כריסטינאַ ניין, פֿאָטער, דו ביסט ניט שולדיג, איך, איך בין שולדיג... אַך, גאָט! אַך, ליבער גאָט!...

מאָזער: (מיט גרויס צער) איך... נאָר איך... איך האָב נישט באַדאַרפֿט ערציִהען קאַרלען אַזוי, אַז ער זאָל זײַן אַ ייִדן־פֿײַנד. דאָס. וואָס איך האָב זיך לחלוטין אָפּגעקערט פֿון ייִדן איז אמת, הגם רײדנדיק מיט דײַן פֿעטער, האָב איך געצווייפֿלט אין דעם. נאָר, אַז איך האָב דערזעהן דעם הער קאָן, — האָב איך זיך ערקונדיגט אין דעם. אַרום מיר זײַנען עפּעס נאָך אַנדערע מענטשן, צו וועלכע איך האָב קײן שײַכות ניט. אָבער... אָבער די קינדער מײַנע זײַנען דאָך מײַן בלוט, אויב ניט מײַן נשמה... און דאָס האָב איך זיי בעדאַרפֿט אײַנפֿלאַנצן...

קריסטינא: אַך, פֿאָטער, פֿאַרוואָס פֿאַרשאַפֿן דאָס מענטשן אײנער דעם צווייטן אַזוי פֿיל יסורים?...

פֿאָרהאַנג